STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11539

IN TOYER FUN TEG

Arie Shamri

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אריה שמרי

אין טויער פון טעג

ההסתדרות העולמית השומר הצעיר
וספרית פועלים
מרחביה 1947

ARYEH SHAMRI
AT THE GATES OF DAYS

Copyright by "Sifriat Poalim"
Workers' Book-Guild (Hashomer Hatzair) Palestine
All rights reserved

Dfus Hechadash, Tel Aviv, Raanan 22

פֿאַרלוירענע פּרייד

* *
*

הויך ביסטו, גרויס ביסטו,
זיבן הימלען — דער זוים פון דיין קלייד;
סוד און חלום — איבער דיר פאַרשפּרייט,
נאָר פאַר מיר ביסטו פרעמד,
אַ ווייטע פאַרלוירענע פרייד.

זעאונגען צינדסטו אָן,
זע איך דיך ווען ווי אַ גאָלדענעם הירש,
לויף איך נאָך דיר — לויערט אַ זומפּ;
זע איך דיך ווען ווי אַ דופטיקן בוים,
שטרעק איך מיין האַנט — איז זי קורץ.
און דיין גרויסקייט ציט,
און דיין שיינקייט נאַרט,
וואָס זאָל איך טון מיט דעם הירש ווען ער קניט?
וואָס זאָל איך טון מיט דעם בוים ווען ער דאַרט?

זעאונגען לעשן זיך אויס,
דיין פּנים צערינט.
צעפּאַלסט ווי אַ רויז
אין כאַמסיניקן ווינט;
אין פלאַמיקן שטויב דיין נאָמען צעשפּרייט, —
בלייבסטו פאַר מיר אַ פאַרלוירענע פרייד.

אויף אַ שוועל פון אַלטן מאַרק

נישט פון זונליכט די גאָלדענע רענדלעך,
נישט אויף הוידל פון זאָרגלאָזע שטערן,
אויף אַ שוועל ביי אַ הייזל פון שינדלען
קניט זכרון און פיבערט אין טרערן.

ווער גייט פאַרביי? ווער רירט אָן מיין פנים?
לקוי חמה — דער גורל פון געסלעך;
סגי־נהור — אַ צעציטערט געבעט:
טראָג ווייטער מיין צער, נישט פאַרגעס מיך — —

ווי שווער דעם וואָרט וואָס שטאַרבט אָן אַן אָפּקלאַנג,
דעם בלינדן וואָס גייט אָן אַ פירער.
איך קני אויף אַ שוועל, אויף אַלע שוועלן,
און עס דאַכט מיר — באַלד פאַלן די טירן.

וואָס זאָגט די זון דאָרט אונטער די דעכער?
וואָס זאָגן שויבן פון גאָטס פוסטן הויז?
וואָס זאָגט דער צלם איבער די אַקסל?
פאַרוואָס ציט מאַמע מיין קאָפּ צו איר שויס?

פאַרוואָס גייט חנה דעם שינדלערס צוריק
פון אַלטן ברונעם און וויינט אין דער קרוג?
פאַרוואָס גייט דער שינדלער ביינאַכט נישט אַהיים
און שלאָפט אויפן ברוק?

אויף פעלדער ביי וועלדער טענצלען ווינטן
און באַשטערנטע מילן איצט מאָלן,
נאָר דאָ אויפן מאַרק קייט מען די שטערן,
בלאַסע ברעקלעך, מאָגערער חלום.

און עס קוקט די לבנה געשאָכטן
אויף באַרגאַראָפּ פון האָרביקע געסלעך,
און עס וויינט, און עס בעט סגי־נהור:
קדיש כאָטש זאָג, נישט פאַרגעס מיך.

און חנה דעם שינדלערס — ווי אויף איר קרוג!
אין לבנה׳שן רויט קלויבט זי שערבלעך,
און איך, אויף דער שוועל, צווישן געוויינען —
מיט זקן, מיט מיידל און מיט די ווערבעס. — —

גייען נאָך מיר יענע שויבן

מען האָט נאָך געזונגען פון ר י י ז ע ל ע —
שיין אַזוי שיין איז זי.
מען האָט נאָך געזונגען פון נ ע מ י ל ע —
פינף פרילינגן איר בלי;
פון אַ באָבע און אַ זיידע —
אַכציק ער, זיבעציק זי,
ביידע — ווייס ווי שניי
מיט חתן־כּלה־גלי.

נאָר דו, נאָר דו צעציטערט פויגעלע —
דער ערשטער צו דערשפּירן ווינט;
גרויסן שלאַקסרעגן דערהערן
ווען איין טראָפּן בלחש רינט —
אין ווינקל דאָרט ווו ס׳פינקלט נאָך
מיט סאַמעטן און פּליושן —
האָסטו דערזען די האַנט, די אומגעזעענע,
וואָס רייסט די צירונג פון ירושה,
און אונטער ליד
האָסטו דערהערט
די שרעק וואָס גליט
ווי ווולקאַן אונטער ערד.

אַפילו אין סקריפּ פון שוועסטערס ציכטיק בעטעלע,
אַפילו אין קריץ פון זיידעס זילבער־שקעטעלע —

האָט ווינט, גלעקערדיקער ווינט
זיין אָטעם שוין געשיקט,
די בלאָע סטענגעלעך פון שוועסטערס צעפּ
געשליידערט און צעפּליקט.

אויף גלעקערדיקן ווינט האָט אימה אָנגעריסן.
אַ שטאָפּעט פון ווילדע שליאַכן
האָט רייטנדיק אַ הייליקייט צעשניטן —
פליען שמות,
ברענען זאַכן,
ש ם ה ו י ה אינדערמיטן.

וואָסזשע שוויגן לייבן צווי אויף זילבערנע מנורה
האָבן לייבן מורא? —
פאַרוואָס נישט לויף אַזאַ — מיט גריוועס צעפּלאָשעטע —
יחוס שיצן,
און הימל זאָל אַ שפּיי טון
מיט קנאַלן און מיט בליצן?

אוי, וואָס וועט זיין מיט רייזעלע, שיין ווי גאָלד איז זי,
אויב זון וועט מער נישט אויפגיין אינדערפרי?
און וואָס וועט זיין מיט נעמילע — דער זעקסטער פרילינג גייט,
און בעכערלעך מיט סם אין יעדע קווייט?

הויבט דאָס יינגל זיינע הענט
ביי די שקיעה׳דיקע שויבן,
אונטערהאַלטן מידע פליגל
פון די פּאַלנדיקע טויבן.
נאָר אַזויפיל טויבן פאַלן
און נאָר צען פינגער האָבן הענט — —
הויבט זיך יעדע טרער און ברענט,
ברענט אַ שטאָט מיט תּפילות און מיט לידער,
מיט הימלען און מיט ווענט.

גייען נאָך מיר יענע פלאַמענדיקע שויבן
ווו איך קער און ווו איך ווענד.
און לידער אין מיר וויינען
ווייל נאָר צען פינגער האָבן הענט.

געשטאַלט

דאָרט, אין פריהאַרבסטיקן ווייַנליכט פון דאָרף,
האָב איך דיך, בלאָנדע, געזען.
ס׳האָבן עפּל געררויטלט אין קאָרב
און זון האָט געלאַכט אויף דיין נאַקעטן שולטער.
ביסט שענער געווען פון מאַריאַ
און שענער פון מלכּה־שבת.
אין דיינע האָר האָבן סאָסנעס גענאָדלט,
און דיין בליק — באַשטערנטע סטאַווס.

דו האָסט נישט אַפילו מיין שאָטן געזען.
כ׳בין פאַרביי — אַ בלעטל אין ווינט,
און ווי אַ טרער וואָס פאַררינט,
טרוקנט אויס און פאַרשווינדט.
מיין האַרץ איז געלאָפן נאָך דיר
פון סטעזשקע צו סטעזשקע,
פון פלויט צו פלויט,
און זון האָט געלאַכט אויף דיין שולטער —
אין אַ פולן קאָרב עפּל — זאַפטיק און רויט.

פאַרנאַכט האָט גענענט,
איך האָב דיך געזען עסן ברויט פון דיין פעלד,
שעפּן וואַסער פון אייגענעם ברונעם,
און אַזויפיל ווינטן האָבן געשלאָגן מיין האַרץ — —
ווי וועל איך דערצו קומען?

אין דער זעלבער שעה האָט געוויטלט מיין שטאָט,
על נהרות — — פון אַלע טייכן איז צער אָנגעקומען,
נאָר דאָרט אין דאָרף האָט דיין עמער געקלונגען אין ברונעם,
בין איך פאַרלוירן געשטאַנען ביים תחום
אין שיין פון פאַרנאַכטיקער זון,
און טרויער
און קנאה
און ליבשאַפט
האָבן געפּיבערט אין ערשטן שטערן.

אין דער זעלבער שעה האָט מיין מאַמע ליכט געצונדן
מיט טרערן.

דאָס ליד פון פרומען ייִנגל

מײַן ייִנגשאַפט די פריע, מײַן ייִנגשאַפט די תּמ׳ע —
אַ צווייגל צעציטערט אויף אַלט־אַלטע שטאַמען,
אין וואַלדיקער בלאָקייט פון טויען געוואַשן, —
אויב דו פרעגסט אויף איר — פרעג בײַ ווינטן און פלאַמען,
און אויב ווילסט זי קענען — גיי זוך אויף די אַש׳ן.

ווּעסט אפשר געפינען
אַ פיצעלע גאַרטל צעבונדן,
אַ לאָק פון אַ פאה צעבלאָזן,
און אַ ליד (נישט געשריבן)
פון ווּנדן, פון ווּנדן —
צעטראָטענע גראָזן.

ווי אַ הירש — פאַר רעווע פון באַנען אין לויפן —
אין שרעק זיך געטוליעט צו שאָטן און ווינקל;
צו ייִדישע געסלעך, צו אָרעמע הויפן,
צו יעדער רייִנער טרער וואָס וואַרעמט און פינקלט.

מײַן ייִנגשאַפט די פריע, —
זי האָט נאָך געוויקלט ר צ ו ע ו ת,
מיט שדי באַקרוינקט דעם שטערן,
געטראָגן די הייליקע דוהע — —
זײַן ווי געווען און נישט אַנדערש ווערן.
אַז זאָל נישט חלילה צעפאַלן אַן עדה —

האָט זי געגאַרטלט יינגל און זיידע.
מיט התפּעלות באַוווּנדערט
דעם מאָכיקן וווּנדער
פון אַ שטאָט אַן אַלטע
וואָס שטאַרבט, און פּרוכפּערט, און דויערט,
און צינדט הונדערטער יאָרן לבֿנה׳ס
אין אייביק נאַכטיק דערשראָקענעם טויער.

מיין יינגשאַפט די פריע —
זי האָט נאָך געשיינט מיט קידוש־לבֿנה,
זי האָט נאָך געציטערט מיט ליכטלעך פון יזכּור.
אין אבֿות׳ס קבֿרים פאַרגראָבן דאָס פּנים,
נידריק ווי מאָך מיט גראָזן געפּליסטערט;
באַרוישט פון דער שטילקייט — דעם עבֿר באַנומען,
און ווי גאָלדענע צייכנס פון מלכות
געלייענט די פּ״נ׳ונען — —

ווו האָט מיין יינגשאַפט שפּאַצירט?
נישט אויף צעלויכטענע ראָגן,
נישט אויף שטעגן פון דופּטיקע פּאַרקן.
אויף וועג פון אבֿלים,
אין שאָטן פון מאָכיקן פאַרקאָן.
ס׳האָט דער קבֿרן געטריבן
און כ׳בין ווידער געקומען.

דאָ האָב איך מיין ערשט ליד געשריבן
מיט גאָלד און מיט בלוט פון פּ״נ׳ונען.

אין אהל פון רבי ר׳ זעליק,
אין אהל פון רבי ר׳ חנן,
ל׳עגענדע פון מאָד,
לעגענדע אויף שטיין.
(כ׳וועל נאָך פרווון דערמאָנען
די עטרה פון גאָלד
וואָס ווערט זאָק און געוויין — —)

מיין ליד, מיין ערשט ליד, וואָס כ׳האָב נישט דערשריבן
און פייערט ביז איצט ווי אַ קויל אויף דער צונג;
אויף בערגער אַש מיר פאַרבליבן —
איין גאָלדענער פונק. — —

אין אהל פון רבי ר׳ זעליק,
אין אהל פון רבי ר׳ חנן, —
שלאָפן בנשיקה לייטזעליק,
טאַטע און זון — פנים אל פנים.
צווייביימער אויף דאַך שניי־שטערן שיטן,
און אַ ווינט אויף די צווייגן ווערט נישט מיד צו דערציילן,
פון אַ הייליקן בונד פון דורות פאַרשניטן,
פון טאַטע און זון נישט צו צעטיילן.

נישט ווייט פון דעם אהל — קאַלטער פאַרריסענער צלם,
נאָר דאָ גייט אַ לעגענדע אַרום היימיש און וואַרעם,
מיט שאַרך פון סאַמעט, מיט שאַרך פון פאַנטאָפל.
און טאַטע און זון, רבי און רבי —
צוזאַמען ווי צוויי טויבן שלאָפן.

אַ כליפען אויף שוועל — נשים׳ס הערצער צעבראָכן,
און סתם אַ ייד, אַ ייד פונדערוואָכן,
וויינט און בויגט די דעמבענע פינגער,
ביז עס פאַלט אַ שטיין פון האַרץ און ס׳ווערט גרינגער.
מען גייט צוריק פון בית החיים
מאַכן לחיים...
און מען דערציילט זיך אַ מעשה —

אַז וויל איז דעם מילנער
און וויל איז דעם שמייסער,
אַז רועה ישראל ר׳ זעליק
האָט ליב געהאַט גיין ווי אַ מילנער פאַרמעליקט.
אַז רועה ישראל ר׳ חנן
האָט ווי בעל עגלה מיט סמאַלע אויף פנים —
גאָט ברוך הוא תמיד געפונען,
און די שבת־מלכה — אַזוי אויפגענומען,
און אַבי זיין ראוי צו דער מדרגה פון סתמ׳ען,
וואָס פאַרשטייט נישט זיין תפילה און ווערט תמיד פאַרשטאַנען.

מײַן ייִנגשאַפט די פֿריִע האָט דאָ אַ פֿאַרטראַכטע,
געשפּונען אַ ליד אין בלאָע פֿאַרנאַכטן.
זילבּ צו אַ זילבּ, סטראָף צו אַ סטראָף
און נישט דערשריבּן.
אַ גרויסע צעפֿײַערטע ת״ו
האָט װער אַנדערש אויף װאָלקנס געשריבּן.
אין חלום זענען געשלאָפֿן די רועי ישראל,
נאָר די שאָף, זײערע שאָף,
האָט װער אַנדערש געטריבּן. — —

און אַלץ איז געפֿאַלן,
רום און לעגענדע,
שטערן און גאָלד.
װאָס איז שולדיק אַ בּרונעם, װען עס אַנטלויפֿן די קװאַלן ?
װאָס איז שולדיק דער דורשטיקער, װאָס האָט שעפּן געװאָלט ?
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

דאָרט אַנטקעגן דעם אהל, צװישן צלם און כאָטע,
װער האָט באַשאָטנט דעם שנײיִקן טראַקט ?
מײַן טאַטע, מײַן טאַטע
דרײַ מאָל געבּויגן אונטער אַ זאַק.
אַבּיסל קאַרטאָפֿל פֿון גױ׳אישע פֿעלדער,
אַבּיסל שפּענדלעך פֿון גױ׳אישע װעלדער.
אַ שאָטן אויף שנײ מיט צעלעכערטע שטיװל,

פון שניידיקן ווינט קאַפּאַטע צעדריוולט,
צעשלאָגן און הייליק,
פון שנייען באַקיטלט, פון שנייען פאַרמעליקט. —

בין איך אַנטלאָפן פון רבי ר׳ חנן,
בין איך אַנטלאָפן פון רבי ר׳ זעליק.
פון רום און לעגענדע, פון שטערן און גאָלד.
העלפן מיין טאַטן שלעפן אַ זאַק —
אַזוי האָט מיין גורל געוואָלט.

וואָס איז שולדיק אַ ברונעם, ווען עס אַנטלויפן די קוואַלן?
וואָס איז שולדיק אַ בוים, ווען עס טרוקנט דער שטאַם?
ליכט און עטרות זענען דעמאָלט געפאַלן
פאַר קאַרטאָפל און האָלץ, פאַר פראָסט און פאַר סתם.

פון זיך אַליין בין איך דעמאָלט אַנטלאָפן,
פלוצלינג ווי אַ פלוצלינג געשריי.
און אויף די אַש׳ן וועסטו נאָך אפשר געפינען
אַ לאָק פון אַ פּאה אין ווינט,
טרערן פון טאַטע און קינד,
און קברים פון הייליקע צוויי פאַרשאָטן מיט שניי.

מיין לעצטע תפילה

נישט מיט לעסטער אַ שפּיי,
כ׳האָב נישט געביטן שכינה אויף זונה.
מיט ספק,
מיט ווונד,
מיט געשריי
בין איך אַריבער דורך מויערן און צוימען.

ביי טרוקענעם כּיור אין גאָטס הויז פֿאַרלאָזטן,
אויף צעפּוילטן פֿאַרענטש פֿון בלינדן באַלעמער —
האָב איך א י ו ב געלערנט,
באַקרעציקט פֿון האַרבסטיקע ראָסטן,
און מיט עסיק אויף ווונד
האָט געצעבערט דער דעמער.
כ׳האָב געצונדן אַ ליכטל
נאָר כ׳בין שוין געווען אַ ווייטער, אַ פֿרעמדער — — .

ווער האָט געוויגט דאָרט דעם שאָטן?
ווער האָט עס געפּרעפּלט ביים קויטיקן שטענדער?
אַ לבן הארמי, אַ געלער באַשפּרענקלטער קרעמער.
נישט לויבער, נישט הויבער,
אַ תּפילה פֿון לעסטער — גאָטס אַ פֿאַרשעמער.
מיך האָט געוויטיקט ביז שוידער,
מיט עסיק אויף ווונד
האָט געצעבערט דער דעמער.

און דאָס איז געווען מיין תּפילה די לעצטע
אין שאָטן:
צו פאַרלעשן פאַלש ליכט שיק דיין אָטעם.
הענג אַליין אויף אַ שלאָס אויף דיין הויז,
און כ׳וועל וויסן אַז ביסט גרויס.

דאָס ליכטל האָט זיך געלאָשן אין מיין האַנט,
צווייַ לייבן האָבן אויסגעשטרעקט פייערדיקע צינגער,
און דער הירש האָט אַ לויף געטון פון וואַנט,
אַן אָנגעצונדענער און גרינגער —
איבער צוימען, איבער מויערן
מיט געשרייַ.

און כ׳האָב געהערט אין אלול-ווינט גאָט טרויערן:
מיין הויז איז חרוב, איך פאַרגיי.

אויף פליגל פון דעמער

א

שטאָט — ז ק ן, ביז ערד איינגעבויגן,
גאָטס קרוין וויינט צעפּיצלט אויף שוועלן,
און ביים ראַנד דאָרט האָט ווער פאַרצויגן —
אַ פאָן — אַ טייך — גאָלדענע וועלן.

פון ראָגן, פון הייסע אַספאַלטן
אַ שטים ווי פון ס י נ י באַפוילן:
אויף חורבות קום וועלטן געשטאַלטן,
הויב דעם גלאָבוס מיט דיינע זוילן!

און ליד האָט פון ברוסט אויפגעהאַמערט
צו גאָלדענער קייט אין צעפאַלן:
גיי, נעם אַ רינג פון תפיסה־קאַמער
און זי זאָל דיין רום ניי צעשטראַלן. — —

ס׳האָט געשטערנט אויף מאַטע שויבן
מיט נייע טריט אויף יעקב׳ס לייטער.
דער טאַטע האָט ברעמען געהויבן:
ווו גייט ער, דאָס יינגל, ווו גייט ער?

ב

צו פֿאַרביקע וועלטן
מיט טרער אין די אויגן,
צו מילכוועגס געשליפֿענע קעלטן —
די שטערן אַנרירן,
און דורכגיין די טירן
פֿון רעגנבויגן.

ווער קען לויפֿן געשווינדער
ווי דער חלום פֿון עלענדע קינדער?

נאָר אַ קלאַפּ פֿון טרויעריקן האַרץ,
נאָר אַ צוק פֿון דערשראָקענע אַפּלען
און עס פֿינקלען גאָלדענע שטאַפּלען.
ווּהין גייט ער? ווּ גייט ער?
אַלץ העכער! אַלץ ווייטער!
מיט באַרגווינט צעאָטעמט,
מיט קוואַלן צעגאָסן.
אָט — אַאַזיס אין מדבר,
און אָט אַ צעלט פֿון עסקימאָסן;
אָט — אַ וואָלף אויף געפֿרוירענע שנייען,
און אָט אַ לייב מיט זונצעפֿלאַמטע גריווע,
און העכער אַלץ און ווייטער,
און העכער אַלץ און איבער.

אויף ווונדיקע פליגל פון דעמער —
אַ ייִנגעלע אַ גבור — —
און אומזיסט די סלופּעס ביי מיילן
און אומזיסט די שטיינער ביי וויאָרסטן.
העלזעריש איילן
ייִנגלשע דאָרשטן —
וועלטן געשטאַלטן,
און ווער וועט פאַרהאַלטן?

רב איצע

אַנטקעגן שאָסייען, צעהילכט
אין שכּור׳ען אויפֿבּלי פֿון מאַן —
אַלטן פֿאַרמעט געביטן
אויף ווינטיק צעוויקלטע פּאַן.

שטילע מנינים פֿון תּפֿילה,
ווו שקיעה פֿאַרחתמ׳עט: געננוג! —
אין שאָטן אייליק געזעגנט,
מיט לויף צו צעזונגענעם ברוק.

און איך געדענק, אָט ווי אַצינד,
פֿאַרנאָכט איז געוועזן די שעה, —
ס׳האָט מיך דער שולהויף געזוכט,
נאָר איך בין נישטאָ, בין נישטאָ.

פֿאַרלאָזט אייך שטילע מנינים,
מיט שקיעה פֿאַרחתמ׳עט: געננוג!
ווער האָט אויף גאַס מיך גערופֿן?
איצע, רב איצע — שוסטערוק.

וואָס וויל רב איצע פֿון מיין גאָט?
די וועלט איז בלינד און זאָל זיין טאָג!
באָרוועס די וועלט —
קלאַפּט איצע׳ס האַרץ — האַמער אויף טשוואָק.

— תּפילה פֿאַר באַרוועס פֿון דער וועלט
און די גאַס זאָגט אָמן מיט ליד.
אויף איצעס צעקנייטשטן פּנים
האָט זיך אַ בראָדעווקע צעבליט —

אַ שטערן, אַ גרויסער שטערן —
איך טראָג אים נאָך איצט אין מיין בליק,
כאָטש שוין לאַנג האָסטו, גרויסע וועלט,
צו מיין שטעטל פֿאַרברענט די בריק.

איך זע נאָך אים, און אויך די פֿאָן —
אין קריעה — אין האַרץ איינגעפּליקט.

דאָס ביסטו

ס׳האָט דיין פּשטות געחנ׳ט נאָך אין אָרעמען געסל.
דאָס איז דער לבנה־קלונג אין וואַסערפּירערס פּעסל;
דיין טייכל ליכט איבער די שינדלדעכער;
דאָס זענען די עמער — די וואַכעדיקע בעכער.

אין חגא׳ס, אין קלויסטערשע פּרימאָרגנס —
הערט נישט דיין אויער די דינקייט פון אָרגל,
און ס׳צויבערט נישט דעם מאָנאַך׳ס פּעלערינע,
נאָר דוקא דעם עני׳ס בגד, צויטיק צעשפּונען;
דוקא די לאַטעס פון צעדריוולטן סאַמעט;
דוקא אל אחד מיט פייער צעשטאַמלט —
די שטומקייט וואָס הויבט אָן אויפצושרייען:
— ב ר ו י ט! נישט פאַרשעם די י ד י ם!

דאָס ביסטו, — איך געדענק ביי בעקערייען,
עס קומען אָרעמע נשים אַ לעבל ברויט לייען,
בלאַסע, דאַרע פּנימער, די אויגן געלאָשן,
און דו צעפינקלסט זון, יעדער פינקל — אַ גראָשן.
צוריקוועגס רוישן די קוישן, און באָרוועסע קינדער
קושן דאָס ברויט אויף מאַמעס פינגער. — —

דאָס ביסטו, אין אַ זאַק אַ גראָען, אַ שטריק אויף די לענדן,
און אויף דיין פּנים אַלע אָרעמעס טרערן.
איך טראָג דיך אין האַרץ — אַ פאַרוויינטע לעגענדע.
איך צינד פאַר דיר ליכט — מיינע פעלדישע שטערן.

געוויין אויף אַ רעגנבויגן

א

פרילינגס שכורע האַרמאָניקעס —
צעבראָכן וויינט איר אויף אין מיר.
וואָס זאָל איך טון מיט מיין זכרון,
דעם רעגנבויגן וואָס פלאַמט אין מיר? —

אַט דאָס פיצל שטעטל דאָרט ביים ראַג,
ווו עס זינגט די וועלט דורך טעלעגראַף — —
מיין אויער קלעפּט נאָך אויף די סלופּעס,
דראָטן רוישן: אויפרייס און באַשאַף.

וואָס זאָל איך טון מיט מיין זכרון —
די פענער, די לידער, דעם מענטשס תּאָרץ?
וועלט, כ׳האָב דיך געזען אין פרילינג
און ווי דיך ליבהאָבן אין האַרבסט?

ב

אין טויער פון דאָרף, אויף שוועל פון דער וועלט
פלאַטערט אין ווינטן אַן איינזאַמער צעלט.

אין איינזאַמען צעלט — אַ ליכט רויט און מיד.
אין שאָטן פון ליכט — אַ טרויעריק ליד.

דאָ קומט אַ זקן אין אָוונט צוגיין.
זיין פּנים ווי זון אין טיפן פאַרגיין.

ער קומט שטיל צוגיין און גייט שטיל אַוועק
דאָרט איבער די בערג, אויף שנייאיקן וועג.

און נאָך איינער קומט, אַ ריטער פון פּיין,
ספּאַרטאַקוס דער קנעכט, פאַרלאָזט און אַליין.

זיין האַרץ פּורפּור־רויט, זיין חלום איז שיין.
נאָר ווי שרייט די פאָן אויף וועלפישע ציין.

דאָס ליכטל גליט מיד, שאָטן זיך שפּרייט.
געסט גייען אַוועק, דער טרויער פאַרבלייבט.

אין טויער פון דאָרף, אויף שוועל פון דער וועלט,
שלאָגט זיך מיט ווינטן אַן איינזאַמער צעלט.

ג

מיין בּרודער, אין עלנט פוּן דער ווייטער שטאָט,
אָן מאַמע, אָן גאָט,
מיט אַ בינטל אַש פון געוועזן — —
אַ גאַסנקערער איז ער
און עס פיבערט אין זיין האַנט אַ פייערדיקער בעזים.

זיין האַרץ ברענט פון אומעטן און פון געוואַלדן,
אַ קער טון וויל ער די פאַרגליווערטע אַספאַלטן
נאָר נאַכט איז קאַלט,
די מויערן — מאַכיק אַלט,
ראָסט פרעסט דעם שטאָל און אייזן.
אויף מאָרגנשטערן בעט ער,
נאָר וויל זיך נישט באַווייזן.

ער ציילט, ער טרייבט די מינוטן,
זיין האַרץ צעגייט פון בענקן,
נאָר ס׳ליגט אַ שטאָט מיט ליליפוטן
אין אַ גרויסער זונה׳ס שענקלען.
זי פוילט די שטאָט אין ליגן,
די בלוטן שטאַרבן און פאַרפרירן.
קיינער וויל נישט זיגן,
קיינער וויל נישט פאַרלירן,
און דער מאָרגנשטערן איז באַהאַלטן.

מיין בּרודערס בעזים פיבערט — אַ קער צו טון די אַספאַלטן.

ד

שטעט, העלע שטעט, צעלויכטענע ראָגן! —
איך שיק אייך מיין טרויער ווי שטיין אין לאַמטערנע, —
די ליכטער באַהאַלט! איך רוף אייך היינט — קלאָגן!

דער שמידער איז טויט.
וועלטס ליכט איז פאַרגאַנגען.
כאַאָסן! וואָס וועט איר טון אָן זיין האַמער?
צייטן! ווער וועט אייך ציען מיט צוואַנגען?

ערד! דיינע רגע׳ס צעפאַלן אין איבל,
אויב עס איילט נישט אַ בליץ די פוילקייט צעברויזן,
אויב עס קומט נישט אַ מאַן פון בליצן געטריבן —
דיך טרייבן צו שפּרייזן נאָך אַ יאָרטויזנט.

וועלט! דיין שמידער איז טויט.
דיין ווערק אָן אַ מייסטער.
ווי דיך איצט טרייסטן,
און ווי דיך איצט שטאַרקן?

זיין בלוט איז נאָך הייס,
זאָל עס שרייען פון פעלדער און מאַרקן!

1939

אַש פון דיין אַש

בכורים

א

עפן דעם טויער.
ווי כ׳בין, אין גלי, אין פיבער —
לאָז מיך אַריבער.
די נאַכט קומט אָן, עפן!
איך ברענג — אַ לאָגל טרויער,
און אַ קוישעלע עפּל.

זאָג אים, וועכטער,
אַז ס׳איז אַ באָרוועסער געקומען,
די פיס פאַרוווּנדיקט פון דאָרן און שטיין,
און ער וואַרט און וואַרט און וויל פון דאָ נישט גיין.
ער וועט שוין וויסן ווער ס׳וואַרט אויף שוועל,
זאָג אים נאָר אַז —
זיין אָטעם — ווינט,
זיין ריח — פעלד,
זיין קול — אַלט געוויין.

זאָג אים נאָר,
ער וועט שוין עפענען.

ב

אויף איין האַנט —
אין אַ פלאַקסענער טאָרבע באַהאַלטן
אַ פידל אַן אַלטע
פון אָבל — —
אַ סטרונע פון ווייסל,
אַ סטרונע פון בבל.

אויף צווייטער —
גוטסקייט — אַ לעמל,
בכּורים
פון שרה בת טובים.

ביי זוניקן טויער פאַרמאַכטן,
אין מידע פאַרנאַכטן
אונטער הימל דעם בלאָען —
בין איך אַליין פויער און כּוהן.

אויף אייגן געביין פלאַמט אַ פלעמל,
איך לייג אויף מיין פייער דאָס לעמל
און וויין שטום מיט יעדן אבר.

און אַליין בין איך לוי,
איך שפּיל אויף מיין קרבן
מיט תּפילות בת טובים׳ס.

אַלטע ניגונים
פון ווייסל
ביז בבל.

פון אייביק ביז אייביק —
איך קלעפּ זיי מיט בלוט
דאָ, אויף דער ערד,
אויף דיין גאָלדענעם טאָוול.

אבות

זיידעס האָב איך געהאַט — ווייסע שאָף,
תּמיד דאַרשטיק, תּמיד סוד.
שוואַרצערד פּלעגט זינגען אין זיי
מיט פּראָסטן ניגון צו גאָט.
און זייערע קבֿרים זענען ווייט,
ביי דער ווייסל טיף טיף פאַרשנייט,
און איך געדענק אין זיי.

ליכטלעך ציטערן ביינאַכט פון טיפן שניי.

די חלפֿ׳ישע שאַרפן
וואָס זיי האָבן געגלעט פאַר לעמער
מיט חלום פון גלגול און תּיקון הנפש —
זיי שרעקן מיך דאָ, אין די נעכט,
ווען עס רופן חצות׳ן צו תּיקון,

און אַ ליד אין מיר — איכה און הלל,
דער טאָפּלטער ניגון פון לעצטן מתפּלל —
מיין טאַטע.

כ׳וועל היינט אַ בריוול אים שיקן,
מיין פאַלן, מיין תּיקון —
די זמירות פון תּענית שבת,
דעם ניגון פון וואָכן.

מיין טאַטנס קידוש

א

אין אַ ווייסער נאַכט, אין אַ ווינטערדיקן שבת,
ביי אַ טיש אָרעמקייט, אָן זמירות און אָן ליכט, —
האָט מיין טאַטע זיך פאַרטראַכט איבער אַ שוואַרצן לאַבן,
און אַוועק מיט שטילע טריט אין קאַלטער קיך.

און די מאַמע האָט סתם אַזוי צו איר גאָט געוויינט,
מיט צוויי אויסגעדאַרטע הענט אויפן בלאַסן פנים.
און צו להכעיס — האָט דורך דער שויב אַריינגעשיינט
אַ ווייסע חלה — אַ פולע לבנה.

און צו להכעיס האָט דער שניי ווי אַ ווייסער וויין
קיל און שאַרף פאַרגאָסן שטעטלס דעכער,
האָט טאַטע מיט אַ שטום געוויין
אָנגעפולט דעם לערן בעכער,
און געבליבן שטיין מיט קידוש אויף די ליפּן,
די מאַמע אַנטקעגן אים — די הענט פאַרבראָכן. — —

שפּעטער בין איך אַוועק אויף איינער פון די שיפן
מקבל שבת זיין די גראָע וואָכן...

און די זון האָט מיר דאָ אויסגעבאַקן גרודעס,
צעטריפט אַ שווייס, אַ ווייניקן, פאַר קידוש,
און אין איינע פון די נעכט האָט דאָס געוויין פון אבות
אַ זונג געטון מיט ש י ר ה ־ י י ד י ש.

און כ׳האָב אַליין מיין שטומען ליד נישט פאַרשטאַנען,
נאָר עפּעס האָט געטרערט פאַרבאָרגנס פון די וויעס.
האָב איך אַ בריוול אָנגעשריבן צו דער מאַמען —
פון אַ זון וואָס גייט אויף נאָכאַמאָל נאָך שקיעה...

האָט די מאַמע עפּעס יאָ פאַרשטאַנען און עפּעס נישט,
אַ בריוועלע געשיקט, יעדער אות — אַ שטערן רויט:
— זונעניו, נישטאָ קיין חלה און קיין פיש,
שיק זשע כאָטש אַ לעבל ברויט.

ווייגען בריוו צווישן מיינע פינגער
מיט ווייס געוויין פון יענער שיינער נאַכט.
און ס׳שרייט צו מיר זייער הונגער,
און לאָזט נישט שלאָפן ביינאַכט.

ב
צוואַנציק יאָר פאַרביי, און כ׳קען נאָך אַלץ נישט שלאָפן.
ווייסע ווינטן וואָיען און ס׳שלאָגט מיך אַ זאַווי.
כ׳זע — מיין טאַטע נעמט דאָס שאַכטעלע חלפים
און שפּאַנט געבויגן אויפן זילבערנעם שאָסיי. — —

מוצאי שבת. אויפגעגאַן דריי רויטע שטערן.
אין ווייטן דאָרף האָט זיך אַ קעלבעלע צעוויינט.
נאָר טאַטן האָבן ווייגעטון קינדערס טרערן,
די שבת־לבנה האָט נאָך טרויעריק געשיינט.

דאָס שאַכטעלע חלפים נאָך פרייטיק אָנגעשאַרפט.
עליע בער דער דאָרפסמאַן האָט נאָך דאָנערשטיק באַשטעלט:—
גרייט זיך צו, רב שוחט, מאַכט די חלפים שאַרף,
ווייל דוקא צו דער חגא האָט בשר זיי פאַרפעלט.

און אַז דער דאָרפסמאַן רופט, איז נישט סתם געדראָשן.
עליע בער זאָגט אַז איצט איז אויך אַ גראָשן — געלד.
די לבנה קיילעכיק — חלומט זיך אַ גראָשן...
די שטערן ציינערדיק — דאַכט זיך אַז אַ וואָלף...

הינט בילן פון די דערפער — אַזאַ אימה!
פייערן דורך וועלדער רויטלען זיך און גרינען.
און אין בעט — דריי קאַלטע קינדער וויינען:
— אַ מאַמע, ווען וועט שוין זיין באַגינען?

און אַז קינדער וויינען, איז עס ווי געטריבן,
ווי קען מען עס אָן אַ לעבל צוריקגיין?
גייט דער טאַטע מיט די שטרוי־געפּאַקטע שטיוול
טיף געבויגן אונטער בייטשיקן זאַווי.

אויף ליפּן אַ תפילה צו זיין ליבן נאָמען:
— דערנענטער גאָט דאָס פייערל פון עליע בער,
כאָטש ברענגען מיינע קינדער אַ לעבעלע נחמה,
כאָטש זייער טרער דערהער.

קינדער וויינען, מאַמע טרייסט: שלאָפט, לאָמיר האָפן,
שלאָפט מען איין, חלומט זיך אַ מענטשעלע פון שניי...
נאָר מאַמע וואַכט... אפשר האָט אַ וואָלף געטראָפן
דעם שפּייזער פון אירע קינדערלעך די דריי.

קינדער שלאָפן, קנעטן דאָס מענטשעלע פון שניי,
ביז ס׳גליען רויט די פינגער און שנייען רינען...
און דריי קינדער שרייען אויף מיט איין געשריי:
מאַמע, מאַמע, ווען קומט שוין דער באַגינען? — —

צוואַנציק האַרטע יאָר זענען שוין פון דאַן פאַרביי, —
ברעמען זענען צו און כ׳קען נאָך אַלץ נישט שלאָפן.
אַזאַ שטומער יאָמער פון זילבערנעם שאָסיי!
אַזאַ קלונג פון חלפים!

1937

די האַנט פון טרויער

מיט לאַנגען פוכיקע, מיט בינשטאָקן צעזשומטע
בעט מיין פעלדיש לאַנד
דאָס ליד פון פרייד,
נאָר דאָרט אויף פייערדיקן ראַנד,
אין וואַלד פון שאָטנס אָן אַ שיער —
הויבט זיך אויף פון מיליאָנען הענט
אַ האַנט,
רייסט קריעה אויף מיין העמד
און זאָגט צו מיר:
אויך דו ביסט אַש, ווען מיר זענען פאַרברענט,
דאָס טויטע לאַנד איז אויך דיין לאַנד
און אונדזער ענד איז אויך דיין ענד.

די שאָטנס נעמען מיך אַרום,
שקיעה הילט מיך איין איינגאַנצן,
איך פיבער מיט זון פאַרבלוטיקטער
אינדערמיט פון שטילע פלאַנצן.
די זון פאַרגייט, פאַרגייט, אַזוי מורא׳דיק פאַרגייט
און וואָס ענטפערן מיין לאַנד,
וואָס בעט דאָס ליד פון פרייד?

1942

לידער וויינען

פון דעמערונג אַרויס
הויבט אָן שאָטענען דאָס פֿאַלנדיקע הויז
פון מיינע ראָזשינקעס און מאַנדלען.

אַ ציגעלע צעוויינט זיך: איך בין פֿאַרקויפֿט,
אַ שטומער מ ע דאָס האַרץ פון הימלען לעכערט.
און די גאָלדענע פּאַווע אַנטלויפֿט, אַנטלויפֿט
אין רויטן פייער־קנויפּ פון שינדל־דעכער.

אין דער דעמערונג אַריין
הויבט אָן צו פליסן מיין געוויין,
יעדער אָדער — אָפּן.
אָ, גאָלדענע פּאַווע,
אַזויפיל לידער זענען מיט דיר אַנטלאָפֿן!

נאַכט קומט אָן, טויבן קלאַפּן אויף דער שויב,
און ניין ברידער וויינען אויפן שליאַך:
ניין זענען מיר געווען,
איצט שטאַרבן אַכט.

דעק איך צו מיין קאָפּ מיט אַש און שטויב,
און זינק מיט דעמערונג אין טיפער נאַכט.

ליד פון בענקשאַפט און געוויין

א

מיין האַרץ אויף רויטן מערב,
דאָרט מיין בענקן און געוויין.
ביי ווייסל, בוג און נאַרעוו —
אַ געבוירן, אַ פאַרגיין. — —

די אַלטע וועלדער רוישן,
דויד׳ס האַרף אויף יעדער קרוין.
ווי שווער זיי אויסצוטוישן
אויף אַן ערשט געפלאַנצטן בוים.

ביי ווייסל, בוג און נאַרעוו
אַ שחרית אין די ראָסעס.
אַ מנחה און אַ מעריב
אין קלינגען פון די קאָסעס.

אין ווייסל, בוג און נאַרעוו
תפילות אַריינגעגאָסן.
זיסער תהילים האַרפט
אין בלאָלעכע חצות׳ן.

איז דאָס אַלץ פארשוווּנדן?
אוי, בענקשאפטן מיך קניפּן!
וואָס מער ס׳ברענען וווּנדן,
זיך ציען מיינע ליפּן, —

מיט קושן צו די קברים,
מיט ליד צו די אַמאָלן.
איך ווייס ווי איך בין אָרעם
אָן גאָלד פון אַלטן חלום.

צו ווייסל, בוג און נאַרעוו —
אַלע גרעניצן צעגייען.
זיידעס זענען מיך מקרב
פון אונטער הויכע שנייען.

אַלטער תהילים האַרפט,
נאָר עס קלאָגט, עס קלאָגט דער סוף. — — —
— — — — — — — —
אויף מיין גאָלדענעם אַלף
פאַלט פאַרבלוטיקט אַ ת י ו.

ב
פון דעם אַלטן מדבר־וועג
ביז פוילישע שאָסייען —
צעריסן העמדל פורפורט
אויף בלענדנדיקע שנייען.

אומזיסט דאָ אויבסט געאויבסטיקט,
אומזיסט דאָ ווייץ געשייערט,
די בערד פון אָרענדאַרן
מיט ווינטמילן אין פייער.

פאַרפרעגטיקט קרעטשמעס פוסטע,
אָפּגעמעקט פון שליאַך דעם נאָמען.
ווינט וויגט די הויכע זאַנגען,
קראָען שרייען פון די צלמים.

הויפנס אַש אויף די וואָרצלען,
טראָפּנס בלוט אויף די קאָרעס.
יעדער שטיין אַ מצבה,
אָן סוף דער בית הקברות.

טיפע טאָלן פול מיט ביינער,
שאָטנס שפרייזן, לאַנגע רייען.
צעריסן העמדל פורפורט
אויף בלענדנדיקע שנייען.

גורל פון שטאָק און טאָרבע,
ביסט אומזיסט אַהער געגאַנגען.
דאָ האָט מען באַשיידט דעם חלום
פון זיבן דאַרע זאַנגען. — —

דאָ האָט מען באַשיידט דעם חלום
פון זיבן מאָגערע קי. — —
נאָר אַ בלימל אויף אַ קבר
שטייט אין פולן רויטן בלי.

איינגעבויגן, איינגעשלונגען —
שאָטנס שפּרייזן, לאַנגע רייען.
צעריסן העמדל פּורפּורט
אויף די בלענדנדיקע שנייען.

ג

אויף אַלטן מאַרק — פּוסטע שטיבער,
וואָלקנס שווערע, שוואַרצע פאָנען.
מיין זכרון בלוטיקט, פּיבערט:
ווו די קינדישע לבנה?

אויף אַלטן מאַרק מיין היים, מיין וויג,
איצט האָב איך נאָר אַש געפונען.
דאָרט יאָמערט אַ פאַרלאָזטע ציג
ביי אַן אַלטן בלינדן ברונעם.

צעבראָכן דער קאַראָמיסל
און לער וואַלגערט זיך דער עמער.
אַ טלית פלאַטערט צעריסן
אין די פייערן פון דעמער.

נישטאָ מער די ברייטע אַקסל,
די אָפענע בלאָע אויגן.
און ס׳ווילן מער נישט וואַקסן
מאַרגאַריטקעס, — ווער וועט קלויבן?

דערשטיקט שווייגן אַלע לידער.
פאַרגאַנגען דער רעגנבויגן.
ווינט האָט צעשפּרייט די ניין ברידער
און מיט זיי איז פאַרפלויגן, —

די פּאַווע פון גאָלד — אונדזער קרוין,
די פּאַווע פון גאָלד — אונדזער ליד.
וויין, וויין, דו אַלטער ווערבעבוים,
מיט מיין יתומדיק געמיט.

דאָרט וווּ מיין וויגל — וווינט דער ווינט.
וווּ מיין וויגל — שלאָפט אַ וואָלקן,
און די ציג שטייט פאַרלאָזט און בלינד,
נישט אָנגעטרונקן, נישט געמאָלקן.

ברונעם, זאָג וווּ דיין בלאָער טרוים,
וווּ דיין וואַסערשעפּער, וווּ זיין ליד?
וויין, וויין, דו אַלטער ווערבעבוים
מיט מיין יתומדיק געמיט.

שקיעה גליט

שקיעה גליט מיט שאַרפע בלוטיקע געמעלן,
ס׳איילן לאַנדשאַפטן וויסטע נישט צו דערטראָגן.
אַזויפיל פנימער און אַזויפיל נעמען!
צער מיינער, ווי וועסטו דאָס אַלץ דערטראָגן?

אַלע עקדה׳ס פון צייטנס לאַנגען מהלך,
אַלע ווידערס פאַרפּלאָנטערט אין דאַזיקן וואַלד.
אַזויפיל יצחק׳לעך בעטן אויף אַ מלאך,
נאָר ס׳איז אויך געבונדן פון ווונדער די האַנט.

אַלע שטערן פאַרכמאַרעט. ווו כאָטש איין סימן?
די בליצן מעסערן אַלץ לענגער און דינער.
דאָ, אויף די זאַמדן, אונטער מדברשן הימל
פאַלט הייס דאָס געוויין פון אברהם אבינו.

קולבאַק׳ס פּעטער חיים

בטחון אין די פולע עמער פון פּעטער חיים,
און ער זינגט נאָך אַלץ אַז אומעטום — ירושלים.
אַז אַלץ וועט אומעטום דערוואַכן.
און איך האָב היינט געהערט וויינען ירמיהו׳ן
פון אַלע שליאַכן.

און דאָ אין ירושלים, ביי אַלטער וואַנט
האָט אומעטום געוויינט
ביז לעכערונג פון שטיין,
ביז אָפּגרונטן פון בראָך.
און כ׳האָב געזען דעם אַלטן וואַלד — פון זיילן — ברענען
מיט הימלען און מיט מאָך.

האָב איך געבעטן ביי די ווינטן פון ירושלים:
וועקט אויף דעם וואַסערטרעגער, דעם בעל חלום חיים —
שריפה אין אַלטן וואַלד!

און אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געפיבערט
מיט די מורא פון דער שעה,
און מיט זיין געשטאַלט.

באַלאַדע

איז אַמאָל געווען אַ פּאַסטוכל,
איז אים פאַרלוירן געגאַן אַ שעפּעלע,
אַן איינציק שעפּעלע,
נאָר אַן איינציק שעפּעלע, —
האָט ער געוויינט פאַר אַדוני.

גייט דאָס פּאַסטוכל זוכן זיין שעפּעלע,
כּרעגן ביי וועגן, ביי גראָזן, ביי שטיינער, —
קומט ער צו אַ שטאָט פון אַש און ביינער,
טרעפט ער אַ ייד,
אַן איינציקן ייד,
וואָס שווייגט צו אַדוני.

— ייד, ייד! אפשר האָסטו געזען
מיין שעפּעלע, מיין האַרץ —
מיין איינציק שעפּעלע?

שווייגט דער ייד
פאַרלוירן און מיד
פאַר אַדוני.

שווייגט דער ייד, , נאָר זיין שווייגן זאָגט
פאַר מיליאָנען שעפּעלעך — —
— פּאַסטוכל, פּאַסטוכל,
אפשר האָסטו געזען מיינע שעפּעלעך?

שווייגט דער ייד, נאָר זיין שווייגן קלאָגט
פאַר מיליאָנען עופה׳לעך — —
— פאַסטוכל, פאַסטוכל,
אפשר האָסטו געזען מיינע עופה׳לעך?

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —
זענען צוויי געווייגען געפאַלן
אויף דער שוועל פון אַדוני.
אַ וואָגשאָל האָט זיך צעפיבערט מיט צוויי מיני טרערן.
ביז פון איבער דער חרוב׳ער שטאָט
האָט די זון ווי אַ צעפלאַקערטע שאָל
זיך אָנגעהויבן וויגן
און זינקען,
און זינקען,
און אַריבערצושווערן. — —

אין יענעם אָוונט האָט גאָט נישט געוויזן זיינע שטערן.

אַ תּפילה ביי ביטערע בעכערס

האָגל אויף דעכער, בלוט אין די בעכערס
און פינצטער,
נאָר מייד נישט אויס אונדזערע שוועלן,
פאַרשעם אונדז נישט, באַרעמהערציקער זקן.

ווייבער און קינדער פאַרטריבן.
זע די וואָס זענען געבליבן,
זע וואָס ס׳איז פון אונדז געוואָרן.
קום, אליהו, בעטן מיט אונדז די תּפילה פון צאָרן.

אַש — די ווענט פון אונדזערע הייזער,
זוך נישט ליכט אין די פענצטער.
קום אינדערפינצטער
איבער אַש, איבער דאָרן.
זאָלן איבערגיין די ביטערע בעכערס!
קום אליהו.
בעטן מיט אונדז די תּפילה פון צאָרן.

פסח 1940

מיין לבנה

מיין לבנה, מיין לבנה —
זי איז אַמאָל געווען אַ חלה
זי איז אַמאָל געווען אַן עפּל ;
דאָס בלאַסע פּנים פון אַ כלה
אויף מיין חלום׳ס העכסטן טרעפּל.
כ׳האָב געצויגן זיך אינגאַנצן
איבער מויערן, איבער דעכער,
ווי צו זון זיך ציען פלאַנצן
און ווי ליפּן צו אַ בעכער.

מיין לבנה, מיין לבנה —
ווייסע חלה,
זיסער עפּל.
מיין לבנה, מיין לבנה —
פון מיין חלום׳ס העכסטן טרעפּל —
איז געפאַלן און פאַרפאַלן
נישט צו זעען,
נישט צו טרעפן.

אונטער וואָלקנס,
אין די ווינטן,
עפּעס בלאַנקעט,
עפּעס שווימט נאָך —
אָפּגעביסן און צעריסן.

מיין לבנה?
איז דאָס מיין לבנה?
ווער זאָל וויסן?

מיין לבנה, —
אַ צעריסן פינצטער פנים
פון אַ בעטלער צווישן וועגן.
פון אַ וואָלקן צו אַ וואָלקן —
אַ פאַרקלעמטע אין זיגזאַגן,
אַ פאַרשפּאַרטע אין קוואַדראַטן.
מיין לבנה, מיין לבנה —
שיף פון יידן, שוואַרצע פלאַגן,
שטיקער לייב פון אונטער קאַטן,
און אירע שטערן, שטערן אירע —
גרינע אויגן פון פיראַטן.

פון אַ וואָלקן צו אַ וואָלקן — מיינע אויגן נאָך איר לויפן.
לבנה מיינע, ליכט פון חלומדיקע נעכט —
וואָס ביסטו איצט?!
און מיינע אויגן צוריק אַנטלויפן.
— — — — — — — — — — —
נאָר אַ רינג פון אַ תליה!
נאָר אַ פאַקל פאַר אַ שייטערהויפן!

אַ זעאונג 1938

פאַרשרייב, מיין האַרץ,
די טרויערן פון טאָג.
אַזויפיל געוויין ווי דו פאַרמאָגסט,
מיין האַרץ,
אַזויפיל האַרבסט!

* *
*

האַרבסט און דעמערונג אויף מיין צונג —
סם און פלאַם,
און ווו אַ קוואַל וואָס זאָל מיך קילן?
ווו איז כנען׳ס בלאָע נאַכט פאַר באַוווּנדערונג?
ווו איז דער הויכער גאָט פאַר תּפילה?

שטילקייט, פינצטערניש, נאַכט
גאָר נישט קיין שלאָף.
עס גליט מיין קאָפּ,
דאָס האַרץ פאַרשטיינט
און דאָס יינגעלע פון ווין אין מיינע פענצטער וויינט.

אַלע שויבן אויסגעלאָשן,
עס שלאָפט מיין דאָרף מידמאַט.
נאָר ס׳שלאָפט נישט דעם וואָגלערס קינד.
זיין יעדע טרער — אַן אָפּגעפליקטער בלאַט,
צו מיר טראָגט אים דער ווינט.

אַזש פון ליסאַבאָן, פון פּאָרטוגאַל —
דער בלעטערפאַל.
דאָרט זעגלט אין דער פינצטערניש אַ שיף
און אַ ייד, אַן אַראָפּגעשליידערטער,
שרייבט צום זון אַ בריוו:

— זון, מיין זון, כ׳בין אַליין.
ווו מאַמע — ווייס איך נישט,
איך וואָגל פון פּאָרט צו פּאָרט
און אַלע וועגן פול מיט שפּיזן.
געדענק זשע כאָטש אין מיר —
אַ וויזע — —

צאַפּל צוק און יאָמער.
דאָס ייִנגל וויינט אין דער נאַכט אַריין
און ווי זיך טרייסטן נאָך מיט אפשר און מיט טאָמער?
אַזויפיל טרויעריקע געזיכטער!
אַזויפיל פאַרטריבענע פון לענדער!
אַזויפיל פאַלנדיקע ליכטער! —
זונען — זינקענדיק,
לבנה׳ס — לאָם,
און עס ברויזט תהום.

ס׳איז 1938, גרויסהאַרבסטיקער צעוויטיקטער סעפטעמבער
יאָר פון אומענדלעכן פּאָגראָם.

יאָמער און פינצטערניש.
כ׳וויל שרייען און האַלט אין דאָס געשריי.
כ׳וויל וויינען און האַלט אין דאָס געוויין. —
אפשר צומאַכן די ליפּן און זאָלן טרערן באַהאַלטן זיין און ריין;
אפשר פאַרשטעלן אויגן ווי מאַמע ערב שבת ביי די ליכט
און מיט צוגעמאַכטע אויגן לויבן: וועלט ביסט שיין — —
ווייל אפשר איז טאַקי אַזוי,
און ס׳קוועלט דער ברונעם,
און ס׳פּליִצט דער טוי,
און דער ריח וואָס איך שמעק —
איז נישט די שרעק,
נאָר רויטער זאַפט פון רייפע סעדער.
און די פייערן וואָס איך זע —
נאָר אָפּשיין פון די שטערנרעדער.
און דער רויש און דער יאָמער —
נאָר סקריפּ אין גאַנג אַרויף פון טראַקטאָררעדער
און אומעטום — נאָר ליכט און זון
און ס׳וואַקסט און בליט און רייפט
אויף גאָרער ערד, אויף שטיין און ליים —
ווי אין מיין היים,
ווי אין מיין סאָד —
מאַראַנץ און מאַנדאַרינע און לעמאָן,
דאָ אַזוי און דאָרט אַזוי —
אויך אין ליסאַבאָן.

נאָר דאָס ייִנגל צוקט און פֿיבערט,
אומזיסט באַהאַלטן מײַן געשריי.
אַ פֿרעכער פֿלוך,
אַ שוואַרצער שפּײַ —
איר פּנים ווײַזט די נאַכט,
אַ סאָווע טראָגט מײַן חלום אויף קרומע צײַן
און דאָס ייִנגל צוקט און פֿיבערט אין געוויין.

נישט קיין רו מיר.
פֿײַער אין מײַן אויג, האָגל אויף מײַן אויער
ווּ אַנטלויפֿן?
ווּ אַנטרינען?
עס פֿלאַקערט דער שײַטערהויפֿן,
עס גלאַנצט די גיליאָטינע.
איך שטיי פֿאַר בלינדסטן טויער
און פּרווו שעפּטשן באָבעס תּחינה:
העלף! באַשירעם!
נאָר סם אין בלוט, פֿײַער אין געהירן,
צו פֿאַר רחמים אַלע טירן.
די ערד שפּײַט אויס מײַן תּפֿילה און מײַן נבֿואה
און ווי נאָך רוען?
דאָס געוויין פֿון ייִנגל שאָקלט אַלע ביימער, אַלע תּבֿואה׳ס.
וועלט, דו טרײַבסט מיך צוריק צו שפּאַנען
צו קעלערן, מיט אימה פֿון מאַראַנען.

נישט מער — אָן אַפּאָסטאָל דיר וועלט,
נישט אַ זינגער דיר און נישט פאַרשווערער, איבערקערער,
נאָר אַ געפּייניקטער אויף אַ שוועל —
אַ טרערער.
מיין פעלדערפרייד ווי נאָך אַרבן —
אַז זאַנג אין וואַקסן פילט שוין שטאַרבן?
עס ברענט דער האַקנקרייץ
אויף עפּל און אויף ווייץ
אין אויף מיין זונצעבלענדטן שאַרבן.

עס שלאָפט מיין דאָרף צופוסנס פון שוואַרצע בערג
און איך קוק די פינצטערניש אַריבער.
איך ווייס אַז היינט ביינאַכט שלאָפט קיינער נישט,
אין יעדנס האַרץ ווי אין מיינעם — אַנגסט און פיבער.

אַט סקריפּעט אין ווינט צעשטיפט
דאָס אָפענע פענצטער פון צריף.
דאָרט גליט דער קאָפּ פון בעל עגלה שמוליע.
אין שטאַל שטייען שטיל צוויי מידע שקאַפּעס
און וויל איז זיי ביי האָבער.
נאָר ער — איך הער דורך וועגט זיין סאָפּען,
אים חלומט איצט אַ ווילדער אָגער
און אַ בייזן שמייסערס לאַפּעס.
צו וויטער ווייט לויפט זיין האַרץ

זיין טאַטע דאָרט — אַ לײדיקגײער, אַן אָרעמאַן,
די מאַמע געבויגן איבערן צעשאָקלטן סטראַגאַן,
אַ קלויסטער וויגט די אַלטע בײזע גלאָקן
און ס׳לויפט אַ מאַרק דערשראָקן
ווי פּאַר וועלף.
שמוליע האָט אַפילו נישט קיין גאָט
צו בעטן ה ע ל ף.
אַ בײטש האָט ער — אַ רויטע טרער איר טראָלד
און עפּעס שעמען זיך גאָר זײנע הענט...
אַנטקעגן אים — אַ הומאַניסט, אַ שכורער סטודענט,
ער קאַטשעט זיך
און לאַכט
און שעלט. — —

און נאָך אײנער — אַ שכן מײנער,
אַ ירושלימער, מײן פרײנט.
אַ צפת׳ער ווײסכאַלאַטעדיקער איז געווען זײן זײדע,
אַוועק איז ער צום טאָל ווו ביימער בליען
מיט שאָטן פון עקדה.
שבת, אין ירושלים,
האָט מען זײן זײדע צעשניטן ווי אַ שלאַין
און עס שרײט דאָס בלוט אין אים — ווי זכריה׳ס שטים —
פון יעדן שטײן,
און דאָס ווינער ייגגל ווײנט מיט אים אײן געוויין.

און ער אַליין —

דער מאַן פון ליד, מדבר, זומפּ און שנײשליאַך —

ער וואַכט

אין קאָנווולסיעס פון האָפענונג און אימה.

מיט אים —

די ווענט, דאָס פעלד, פּלויטן, זאַנגען,ביימער.

אַזאַ פינצטערניש נאָך נישט געפינצטערט! —

גורל נעגלט אַלע וועגן

און ביי וועמען פרעגן דעם פאַרוואָס?

פון גאָט בין איך פאַרלאָזט

מיט וועלט בין איך אין גרויסן אַמפּער

און אומעטום — טריט געקאָוועטע און טראַמפּל.

ליסאַבאָנער ייד — דו ביסט פאַרלוירן!

נאַכט, דריטע אשמורה,

ס׳בליט רויט די מורא,

קען זיין — ס׳איז דעם מאָרגנס ערשטע פאַרבן,

דער רויט פון עפּל, די גאָלדיקייט פון ווייץ.

קען זיין, קען זיין — —

נאָר אַנדערש זאָגט דעם יינגעלעס געוויין — —

עס גליט דער האַקנקרייץ

אויף עפּל און אויף ווייץ,

אַליין צעשיטן זיך די ענגלען און די גאַרבן.

אויף גאַנצער ערד פון פּאָל ביז פּאָל —
איין געשאָכטן קול
פון ליסאַבאָנער ייד:
פאַרוואָס, וועלט, פאַרוואָס מוז איך שטאַרבן ?!
און כ׳הער דעם ייִנגלס וויינען,
און כ׳הער דעם טאַטנס שרייען,
און אַ וויקלען פון אַ שלאַנג,
און אַ שפּרינגען פון אַ חיה,
אַ גזר פון אַריער קין — — —
און מיט וואָלקנס גייט אויף אַ טאָג
פון לויה צו לויה. — —
— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

אויפגעשטאַנען פון דער נאַכט בין איך, איך לעב.
נאָר נישט צום סאָד, ווי יעדן טאָג, מיין טראָט —
און אויך נישט תּפילה טון גיי איך פאַר גאָט.
צום וואַלד גיי איך, צום וואַלד.
מיין שליחות — גראָבן קברים.
צוויי יונגע גופים ליגן קאַלט
און עס פויזעט שוין אַ וואָרעם.
אַ טאָג מיט שטייגנדיקע זון,
נאָר איך מיט טויזענט טרעפּ אַראָפּ.
צוויי קברים גראָב איך אין אַ בלינדן וואַלד,
איך זעג און האַק און שפּאַלט

וואָרצלען פון צוויי אייקאַליפּטן,
און וואַרף די אייקאַליפּטן אום
מיט הימל און מיט זון.
צווייגן ברעכן זיך,
עס צעשפּרינגען די צעבליטע קעפּ.
און נאָך טויזנט טרעפּ —
איך פאַרזינק, מיט שטאָל און שנאה רייס איך די בלאָע רו,
און דאָס ייִנגעלע פון ווין — העלפט מיר צו.
איך גראָב, ער שאַרט אָפּ די צווייגן און די בלעטער.
שטיקער האָפענונג, גרינע און פיאָלעטע,
און טוי און טרערן אויף זיין באַק.
איך גראָב אין ליים און רייס די וואָרצלען מיט אַ האַק.
מיין וואַלד, מיין וואַלד! —
אַלץ פאַלט.
וועלט פלאַקערט שוואַרץ — איין גרויסער וואַלד,
און אינדערמיט — דער ליסאַבאָנער ייִד,
די טרויעריקסטע געשטאַלט
פון געשטאַלטן.
ווער וועט זיין קאָפּ דאָרט באַהאַלטן?
נאָר צלם דאָרט און דאָרן. — —

(אויף מיין האַנט ווערט וואַרעם די ערד...)

צוויי קברים אָפֿן.
אַקסלען טראָגן אָרון נאָך אַן אָרון.
ס׳איז מיין שליחות — כ׳לייג ייד ביי ייד.
ס׳איז יעדנס שליחות — יעדער נעמט אַ רידל און פֿאַרשיט.
אַ בינטל רויטע בלומען. — —
— חברים מיינע! דאָ וועט איר וויינען — —
און דער וואַלד בויגט איין די קרוינען.

פֿאַרשאָטן,
אַהיים.
אויסגעשמירט אין בלוט, אין ליים,
גייט דאָס בלאַסע ווינער ייִנגעלע מיט מיר
און מיר ביידע
און מיר אַלע
ווי די אָרעמסטע ביי דער פֿאַרמאַכטסטער טיר.

* *
*

פֿאַרשרייב מיין האַרץ
די טרויערן פֿון טאָג
און וואַרף וועלטס זינד,
און וואַרף דיין צער
אויף איין וואָג.

סעפּטעמבער 1938

צום אַלטן שטערנדל דעם בלויען שטאַפּעטעלע

שטערנדל, שטערנדל, שטאַפּעטעלע,
ווי בלאַס קערסט זיך אום פון חרוב׳ן שטעטעלע!
אָן לויטערער העלקייט פון וויגל,
אָן ציטריקן ראָז פון מנחה־פאַרנאַכטן,
אָן זילבערנעם בלענד פון קידוש לבנה.
שטערנדל, שטערנדל,
האָסט מער נישט געפונען דעם אַלטן מאַרק,
האָסט מער נישט געפונען דעם אַלטן ברונעם
און דעם עיגול צעזונגענע יידן אַרום פולע לבנה...
שטערנדל, שטערנדל,
ווי פינצטערט דיין פּנים!

קערסט זיך אום,
אַ הפקר׳ער ווינט דיין באַגלייטער
און אויף דיר אַ כמאַרע אַ בלינדע.
שטערנדל, שטערנדל,
פאַרבלאַס נישט אינגאַנצן.
גיי אויף איבער יעקב׳ס צעבראָכענעם לייטער,
זיי אַ ליכט צו געשאָכטענע זקנים און קינדער.

שטערנדל, שטערנדל,
בלייב כאָטש הענגען אין ווינקל פון הימל
אויך ווען ס׳יאָגן דיך ווינטן,
אויך ווען וואָלקן פאַרשטעלט.

דיין שעה וועט נאָך קומען,
ווען שײַנען זיבן מאָל העל
און דיין פייער וועט צינדן
דעם דאַך און די ווענט פון דער וועלט.

אייביקער ניגון

שאָפּישע הערנער — מיינע און דיינע,
און אויגן תּמ׳ישע, בלאָע אַזעלכע.
מיר וועלן ביידע גיין און נישט וויינען,
סיוווי, אָ סיוווי וועט גאָרנישט העלפֿן.

ווייל ס׳האָט געבליצט אין טיפֿן וואַלד,
און ס׳זענען אַלע האָזן אַנטלאָפֿן —
וועלן מיר ביידע גיין, איך יונג, דו אַלט,
און זיך לייגן ביים טייך שלאָפֿן.

די רויטע גראָזן וועלן זיך סוד׳ען,
דער ווינט וועט גלעטן מיט זיידענע שאָרכן.
אויף ביימער וועט לבנה זיך הוידען
ווי אַ בלאַט פֿאַרגעלט, אַראָפּגעוואָרפֿן.

דער שוואַרצער טייך וועט טרינקען די שטערן,
מיר ביידע וועלן שוויגן ווי תּמיד — —
— טרינק, שוואַרצער טייך, טרינק אונדזערע טרערן,
אונדזער אייביקן אומעט.

און די ביימער וועלן זיך וויגן,
ווילדגראָז וועט זיין אונדזער קלייד.
און טיף אין וואַלד וועט בלאָנדזשען אַ ניגון —
שטומע רייד.

און נאָר מיר צוויי, אַליין, וועלן הערן
ווי עס רירט אין וואַלד דאָס שווייגן.
דער שוואַרצער טייך וועט שלינגען די שטערן
און רויט וועלן זיך בויגן די צווייגן.

— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

ביז דו — — דו וועסט גענענען, אַ דריטער,
זיידע, מיין ווייסער רעגנבויגן, —
מיט שטילע טריט און מיט שירה־ציטער
עפענען אונדזערע בלאָע אויגן.

וועט דער טייך אויף אונדז שפּייען מיט שטערן,
פון די ביימער וועלן רעגענען ניס,
און מיר וועלן גיין דעם ניגון הערן
מיט פאַרבלוטיקטע באָרוועסע פיס.

אין אַ נאַכט פון עפל און ווינט

דופטיק מאַראַנציקע אָקטאָבער נאַכט וועקט מיך,
איך שטיי אויף פאַרחלום׳ט, דערשראָקן — ווידער קינד.
מיט בלאַסע צעציטערטע הענט צינד איך אַ ליכט,
און הער זיך איין ווי שטיל עס געגענט דער ים־ווינט.

סאַמעטיק איידעלער שאָרך פאַר די פענצטער,
און אין דער שטילקייט — ליד, דאָס ליד פון וויגל.
ס׳שוועבט אין ווינט און ציטערט מיט גראָזן די קלענסטע —
ליד פון מיין מאַמע, ציגעלע־ניגון.

איינזאַמע שטילקייט, איך מיט מיין ליכט אינצווייען,
אַ דריטער — דער ים־ווינט, אין אים אַ זיס קול.
עס וויגט זיך מיין וויגל מיט ווייסקייט פון שנייען,
מיט בלענדיקן כּשוף פון טעג פון אַ מ אָ ל — —

ס׳איז געווען אַמאָל צווישן שליאַכן די ברייטע,
ס׳איז געווען אַמאָל און מער נישט פאַראַנען, —
אַ שטעטעלע אַ קליינס, מיט געסלעך פאַרשנייטע,
מיט זילבער־לבנה׳ס אויף קרוינען קאַשטאַנען.

געווען אַמאָל אַ שטעטל, אַ שליאַך אַ ווייסער,
און אַ שטעגל אַ ליכטיקס פון קינד צו זיין גאָט.
אַ גאָט געווען — אַ נאָענטער, אַ הייסער,
זיין הויך און זיין אָטעם — קינדס מינדסטן טראָט.

געווען אַמאָל אַ קינד אַזוי נאָנט צו זיין גאָט,
געווען אַמאָל אַ גאָט אַזוי נאָנט צו זיין קינד.
די גאַנצע וועלט איז געווען אַ דערציילטער סוד,
קוים־קוימיקער גלעט פון נישט געבלאָזענעם ווינט.

און גאָטס שניי האָט געוואָרעמט די קאַלטע פינגער,
ווייסע פאַרחלומטע נעכט האָבן ליכט געטריפט.
ביז, ביז ס'איז אַוועק דאָס בלאָס־פאַרחלומטע ייִנגל,
מיט אַ שליטעלע שטערן צו דעק פון אַ שיף — —

דופטיק מאַראַנציקע אָקטאָבערנאַכט רויכיקט זיך,
מיין ווייס ווייסער שניי אין פלאַמען צערינט.
די שליאַכן פאַרטונקלען, פאַרלאָשן מיין ליכט,
ס'פויקט ביין אויף די פענצטער דער ים ווינט.

און די דופטיקע נאַכט זי וועקט מיך נאָך שטאַרקער,
עס סקריפען די טירן און שוועלן פון מיין הויז.
מיין סאָד ווײַנט מיט אַלע סעדער און פאַרקן
עס פאַלט אין בלוט און פאַרוויאַנעט מיין ווייסע רויז.

אָקטאָבערנאַכט שרעקט מיך מיט קופּערנע שטערן,
הויך, דאָרט איבער דער ערד, שפּרייזט אַ ריז, אַ טיראַן.
פאַרלאָשן מיין ליכט, שטום דאָס ליד פון געוועזן,
אַ רויטע לבנה צינדט שרעק פון פּ אַ ר אָ ן — —

ס׳איז פאַראַן אַ שטעטל צווישן שליאַכן ברייטע,
דאָרט גליט די לבנה נאָך רויטער, נאָך רויטער.
אויף אַ האָרבאַטן בערגל, פוכיק פאַרשנייטן,
ליגן אַנטשוויגן ח״י יידן געטויטע.

און מיין זיידע אברהם שלאָפט דאָרט דערנעבן,
— אָ אַזויפיל האָט דאָך דערציילט מיין זיידע,
פון אַ צווייט לעבן, אַ מלאָכ׳יש לעבן,
אויףביימער צעבליטע אין ווייסן גן עדן. — —

און פאַרוואָסזשע וויינען אַזוי אַלע בלעטער?
און פאַרוואָס ברענט אַזוי רויט מיין צעבליטער סאָד?
אָ בלאָער הימל דו היים פון אַלע געטער! —
ווו ווינט, ווו געפינען מיין זיידעס גאָט?

ס׳אַראַ רויטקייט! די נאַכט — ווי שטורעמט און שרעקט מיך!
ווּעמנס געשריי אין פענצטער? ווער שפּאַלט עס די נאַכט?
ווי! איבער שנייען גייט מיין שוועסטערל אָן שיך,
איין פיסעלע וויינט, און איין פיסעלע לאַכט.

אָ הימלען! מיין שוועסטערל איז נאָך שיין און יונג,
געקענט דאָ אין פעלד זיין אַ זאַנגיקע מויד,
און ווער און פאַרוואָס צעשניידט איצט איר פריילינג,
פאַרשליידערט די שיינקייט מיט פראָסטיקן טויט?

נאַכט, טיפע נאַכט, שטערן ווי צעשיטע פּערל,
אַ קליין מיידעלע שפּרייזט אויף די קרוינען פון וואַלד.
אַ האַלבע לבנה שווימט צו ווי אַ שערל,
און דער גאַנצער וואַלד באַגאָסן רויט פון איר האַלדז.

רויט־רעגן אין וואַלד פון צעוואָרפענע פּערל,
און אַזויפיל קינדער וויינען אין ווינט פון ים.
כ׳זע אויף מיין שטעטלס געסלעך די אַקושערין,
נאָר פאַר די געווינערינס טיר — מיט אַ לאָם — דער
כאָם — —

— אַ ווער וועט זאַמלען אַלע צעשיטע פּערל? —
איך פרעג, איך שריי, נאָר די נאַכט שיקט ריחות און שוויגט.
— — — און פּלוצלינג — באַגין, אין מיין האַנט אַ שערל
איך גיי צו צו אַ בוים און בויג אין אַ צווייג.

גינגאַלדענער קלאַנג אויף מיין שערל צעקלינגט זיך.
איין עפּל אַראָפּ, איך שנייד אָפּ נאָך איינעם,
דער ים ווינט בלאָזט, איך צי דעם בוים נאָך שטאַרקער צו זיך,
נאָך אַ קלאַנג, אין האַנט — נאָך אַן עפּל אַ שיינער.

און ריחות און קלאַנגען צוויי ווינטן צעשפּרייטן.
אָט — אַ ווינט פון מדבר, און אָט אַ ווינט פון ים.
אַ זון גייט אויף צום ווייטן לאַנד דעם פאַרשנייטן,
ווי אַן עפּל אַ זיסער, מלא טעם.

טאָג, פולער טאָג. אויף די בערג גאָלדענע פליגל,
הויך, איבערן ים ציטערט אַ רעגנבויגן.

— — — — — — — — —

— — — — — — — — —

ביי ווייסע קאַשטאַנען זינגט מאַמע ציגעלע־ניגון,
און איך ווייש אָפּ מיט אַ בלאַט אירע אויגן.

1937

קום פון דער ווילדער ערד

און איצט איז שטיל דאָרט, אַזוי שטיל.
און נאָר אַן אַלטער הונט טראָגט אויף חורבות
זיין עלנטיקן ביל.
— צו טייוול? צו גאָט?
ווער ווייסט?
וועמען בענטשן? וועמען שעלטן?
אין וועמנס מויל אַ טרייסט?

און אויפן גאַנעק, דאָרט, ווו די מאַדאָנע שטערנט —
שפּאַצירט גאָטס שומר,
דער אַלטער פעטער כומר
מיט אַ זאַטע לבנה אויף די ליסינע,
און טראַכט אַריין אין לעצטן ייִד, —
אין זיין ערשטע אַלט־אַלטע שנאה.
דער קלויסטער קלינגט ווי תמיד גלין און גלאַן
און עס ציט די נאַכט מיט זיכער־שטילן שפּאַן,
היימישע פייערלעך אין די כאַלופּעס,
אַ מאַנדאָלינע לאַשטשעט די מידע שעה׳ן,
הימלען מאַי׳איקע ווי אויסגעשפּרייטע חופּה׳ס
און ווער עס וויל קען לאַכן ביזן טאָג דעם גראָען.
נאָר צווישן געסלעך, אויף די חורבות — שאָטענען די קופּעס
און עס שרייען קראָען. — —

אין קליידער אָנגעצונדענע
וועט מיין טרויער דאָ אַריינגיין,
מיט אַזאַ ליבשאַפט דעם לעצטן ייד אויף אָרעם נעמען —
קום מיט מיר, קום!
איך וועל דיך טראָגן דורך דער נאַכט ווי אַ פאַרבלוטע זון.
קום מיט מיר, קום פון דער ווילדער ערד!

קושן וועל איך דייַנע ווונדן,
און אויפן גאַנעק, דאָרט, וועט פאַלן מיין קללה
שאַרפער ווי אַ שווערד.

1945

* *
*

אין אַ טאָג פון זון און רייפע גאַרבן
האָב איך געשווירן ביי ערד פון מיין לאַנד:
ווען ס׳וועט קומען די שעה פון מיין שטאַרבן —
זאָל מיך פאַרדעקן מיט ליים און זאַמד —

אויך אַש פון דיין אַש, אויך שניי פון דיין שניי
און וווּ נאָר איך בין זאָלסטו זיין מיט מיר;
ווי ירושלים, מיין האָפענונג און וויי —
נישט פאַרגעסן אין דיר.

און פון דעמער צו דעמער דיך טראָגן
ביז העלישער ניסן רופט דיך צו בלי,
און טויערן צעפראַלטע אין טאָגן —
קלינגען אויס, קלינגען אויס

בדמייך חיין

זינגט זיין אויפשטיין

* *
*

טיר און טויער — צו.
כּענטש צו מענטש — וועג פֿאַרגעסן.
חלום, ווּ ביסטו
אין בלינדער שעה פון מעסער?

ליד פון ייִנגלס האַרץ,
ווּהין ביסטו אַנטלאָפֿן?
העלף מיר אין מיין האַרבסט! —
גיי אויף, שטערן פון צפון!

תמיד

מיט די עלטסטע אויף אַ שייטער
מיט די יונגסטע אויף אַ תליה.
תמיד פאַל איך און גיי ווייטער,
אַלע האַרבסטן דורכצובליען.

אַזוי, פון מיין פריסטן פריער,
ערשטן ציטער פון מיין שטערן.
ווילאַנג טאַטנס ליפּן גליען
אויף מיין טיף צעקאַרבטן שטערן.

טראָג איך עלטסטע לייד פון אדם
ביז צום סוף פון אַלע סופ'ן.
וועב איך, היט איך רויטן פאָדעם
פון דיין שטאַרבן, פון דיין האָפן.

אין דער ווייסער שטאָט

זיבן וועגן — איין שטראָם בלוט.
זיבן טויערן — איין פייערוואַלד.
און זי — אין רו,
ווייס און קאַלט,
אַן אויסגעפּוצטע און אַ מילדע,
אין שאָטן פון בלימעלדיקע שילדן.

נאָר איינער אַ באָרוועסער מיט אַ טאָרבע געוויין,
האָט אויפגעשריען ווי אַ שיף אין אונטערגיין:

— געדענקט, געדענקט אין געצונדענעם וואַלד!
געדענקט, געדענקט אין פאַרבלוטיקטן טייך!
וויינט מיט, מיט יעדן בוים וואָס פאַלט
און זאָלן טרערן רוישן אין אייך.

ווער ס׳הערט נישט אין טייך דאָס בלוט,
וועט אויך די בשורה נישט דערהערן;
ווער ס׳זעט נישט דעם וואַלד אין גלוט,
וועט אויך נישט זען דעם מאָרגנשטערן.

גאַסן האָבן נאָך געהעלט, מיט זון און ווייַן געלאַכט,
נאָר דעם בעטלערס שאָטן האָט זיך אויסגעשפּרייט,
און לבנה האָט די שטאָט אַרומגענומען
מיט אַ פייערדיקע קייט.

רוף

ווער ס׳האָט פֿאַרלאָזט זיין גאָט אין ווייען,
אין פֿאַל פֿון הימל מיטגעוואַקלט;
ווער ס׳האָט פֿאַרלוירן אויף שאָסייען
זיך אַליין, זיין האַרץ און פֿאָן און פֿאַקל —

קומט! קומט אַלע! — די גלעקער צינגלען:
נאָך אַ ברודער איז צוגעקומען,
מיט בלוט פֿון בשורה אויף די פֿינגער,
מיט ליד פֿון מאָרגן אויפֿן גומען.

צוזאַמען, טרויעריקע פּילגער!
נעמט זיך אַלע אין דער שעה צונויף.
מיט ליד אויף גומען, בלוט אויף פֿינגער —
פֿאַרהאַלטן די זון וואָס אַנטלויפֿט.

די געזעגענונג

דער וועג ווערט טונקעלער,
דעמערונג אויף אַלע טויערן
און פרעגסט:
ווי לאַנג די נאַכט וועט דויערן?

יאָמער נישט, מיין טייערע,
אויך אַזוי בריען די פייערן.
גרויס די ווייַ
און כ׳קען נאָר באַדויערן.

אַ שאָד, אַ שאָד אַלץ,
דאָס ברויט און זאַלץ,
דער קילער טרונק,
די אָוונטן —
די שטילע רייד
אין דיינע אויערן...

יאָמער נישט, מיין טייערע,
כ׳גיי נישט אַליין.
גרעסער ווערן די פייערן,
טרויער אין יעדער היים.
אַלע ווייבער אויף די שוועלן,
אַלע מענער אין שיבעלן.
יאָמער נישט, כ׳גיי נישט אַליין.

כ׳וועל נאָך קומען.
היט דאָס פעלד און דעם ברונעם.
האָדעווע דעם זון
און די רויזן אויף דער שוועל.
כ׳וועל נאָך קומען.

חצות

נישט אין שיין פון איינזאַמען קנויטל,
נישט אַ שטילע תפילה אויף תיקון.
צעקרעלט אויף די שטעכיקע פּלויטן,
צעוויגט מיט געצונדענע בריקן —
מיר זין פון ישראל — חצות.

גאַנג דורך שוואַרצע וועלדער פון צלמים,
שפרייז איבער צעלעכערטע זיפּן,
אויף יעדן טראָט אַ טויטער נאָמען,
אַ ביטערע קללה אויף ליפּן —
דאָס איז אונדזער שירה — חצות.

נישט אייגענעם נפש צו רעטן,
מיר טראָגן דיין גורל אויף שפּיזן.
נ ר ת מ י ד — מיר צינדן ראַקעטן.
אַ בענטשט אונדז, ותיקין, אושפּיזין!
דאָס איז אונדזער תפילה — חצות.

אין דער בליצ׳קער נאַכט

די רייד האָט געהערט די נאַכט,
די רייד האָט געהערט דער וואַלד.
ס׳האָט געבליצט אויף דער הייל
מיט אדם, מיט חוה,
מיט נאַקעטן רויען אוראַלט.

עס זענען פונקען געשפרונגען פון וואָרצל צו שטיין
טרויעריק און שיין.
ס׳האָט צאָרן צוזאַמען מיט ליבשאַפט גערעדט
פון דער בראָך פון צעוואַלגערטע שטעט:

— כ׳האָב אַ מאַמע געהאַט
ווי אַ מאַנדלבוים־בלאַט ,
דופטיק און ליכטיק ווי דער שלום אַליין.
אין טויער פון שטאָט וויגט זיך אויף אַ מאַנדלבוים
איר געביין.

ס׳האָט געבליצט אין דער הייל,
דונער האָט דונער געיאָגט.
זי האָט אים געבעטן: דערצייל!
ער האָט מער נישט געזאָגט.
נאָר זיין שווייגן, זיין שווייגן —
עס האָבן געקלונגען צווייגן אין צווייגן,
און ס׳האָט שטורעם באַפוילן מיט ליבשאַפט און קלאָג:

— פאַרנעם, שוועסטער אין די הייל,
פון זיין ווײ אַ טייל,
זיין צעריסן לייב —
זײ מאַמע און ווייב.

פאַר אַלע העלדזוער אויף תּליה,
פאַר אַלע מאַרכן אויף שטיין —
זאָל אויפשטיין פון דיין שויס אַ וואָלף,
און איבער דער ערד זאָל ער ציען
מיט וויסטן געהייל.

ס׳האָט געבליצט אין דער הייל,
ס׳האָט גענאַכטיקט אין וואַלד
מיט אדם וחוה, מיט נאַקעטן רויען אוראַלט.
פערד האָבן געקייט שוואַרצע בלעטער,
רייטער האָבן מעשׂיות דערציילט.
אַ דונער האָט קרוינען געשמעטערט,
געעפנט טויזנט שטראָמען.
און אין איינע פון די היילן האָט לייב צו לייב געזונגען
מיט קושן פון נקמה.

פון טייגע און פון מדבר

ס׳וועט נאָך בלימלען אין די קאַלטע ספּערן,
דער הירש פון טייגעס גרייט זיך צו זיין לויף.
און וואָס געווען — וועט נאָך זיין, וועט נאָך ווערן.
כ׳האָב נאָך מיין האָפענונג קיינעם נישט פאַרקויפט.

מיט מיין נשמה און געביין בין איך גרייט
אויף טויערן פון נאַכט זיך צו פאַרמעסטן.
איך זע דעם טויט, און גלויב נאָך מער אין פרייד,
פייגל זינגען פון נישט באַקאַנטע נעסטן.

אַלץ העכער דורך די טויבסטע ווייטן.
אַלץ נענטער, נענטער, וועגן צו פאַרבינדן.
פון טייגע און פון מדבר — אַלע גרייטע
באַגין מיט זייער בלוט אָנצוצינדן.

ערב

נישט אומזיסט לויפט שוין דער האָז אַהיים
און עס פּלאַקערט אַזוי זיין פּנים.
וואָס עס וועט געשען — איז נאָך געהיים,
נאָר ווער עס וויל — זאָל זיך דערמאָנען

נישט ס׳ערשטע מאָל לויפט דער האָז אַהיים,
און ווער עס וויל — זאָל זיך דערמאָנען.
איך געדענק אַ נאַכט, קלעפּיק ווי ליים,
און אַ באַגין מיט העלע פאָנען — —

באַלד ווערט צייטיק וואָס יוירט נאָך געהיים;
באַלד ווערט יומטוב פון וועגנס קומער.
די האַנט פון שטורעם איז נאָך געליימט,
נאָר באַלד וועט אויפקלינגען אַ דונער.

און צעוויגטע בערג אונדז אַנטקעגן;
ערד און הימל — בליציקע רינגען.
אויף טאָג און נאַכט שפּאַלט זיך אַ רגע,
און מיר, וואַכע — לאָמיר זינגען!

מענטש פון 1918

דיין פּנים דערציילט פון אַן אַנדערער שעה,
פון אייז וואָס צעגייט אין קוש פון דער זון;
אַ באָסיאַק שטייט אויף פון פינצטערער דנאָ
און זינגט ווי פּאָעט, און רעדט ווי טריבון.

דיין פּנים דערציילט: אַ צעגלעקלטע גאַס — —
און צערוישט אין מיר פאַרגעסענע פרייד.
איך גיי מיט דער גאַס, מיט איר ליבע און האַס,
צו טויער פון תּפיסה רייסן אַ קייט.

דיין פּנים בליט אויף ווי די פרייהייט אַליין,
און אויך איך שטיי אויף פון אַש און פון שטויב.
זע איך דיין פּנים — ווערט די ערד ווידער שיין
און איך לויף מיט איר אין זוניקן לויף.

אָקטאָבער פרילינגט

דיין גלי אין רויט פון די מאַראַנצן;
דיין טראָט אין וואָרצלענס שווערן סקריפּן.
שיינסט ווידער, צפון, שליאַכן טאָנצן
און דיין געזאַנג אויף מיינע ליפּן.

נאָך ווייגט האַרבסט פון די קאַלענדאַרן,
די ערד איז פול מיט אַש און שאָטן.
דאָך זינגט מיין האַרץ און וויל נישט דאַרן,
אָקטאָבער! צינדסט ווידער מיין אָטעם

ווידער שיינען דיינע פאָנאַרן
און צום רעגנבויגן — אַ שפּאַן נאָר.
ער לויכט אויף וואַנט פון קאָמונאַרן,
ער לויכט אין הייל פון פּאַרטיזאַנער.

נאָך אַש אין האַרץ, נאָר בשורה צוויטעט,
שטורעמגלעקער הער איך קלינגען.
צפון! איך האָב ליב דיין געוויטער,
איך וועל שוין בלייבן ברויזיק ייִנגל.

און כאָטש יומטוב פאַרבלאָסט אויף וועגן
זוך איך ליכט דיינס ווו נאָר אַ שפּור איז,
און אייביק וועל איך גיין אַנטקעגן
אייערע מוטיקע באַנדורעס.

דיין פראָסט טריפט וויין אין יעדן אָדער.
איך האָב ליב, איך האָב ליב, אָקטאָבער —
דיין זון מיך רופט מיט רויטע וועלן.
דיינע אומרו׳ס — די קאַרוסעלן;

די אָנצינדערס פון אַלע פייערס;
די אויפרייסער פון אַלע שפונטן.
כ׳האָב ליב די גלויביקע הולטאַיעס,
דיינע צעשטראַלטע וואַגאַבונדן;

אַלע פלאַסטערער אויף אָן־וועגן,
ברידער צו הונגעריקן ביסן.
כ׳האָב ליב די פּיאַשן און די זעגן
וואָס וועקן ווי סטע אַאַזיסן.

אין אייך אַלע דער זעלבער ציטער —
אָקטאָבערס ריח, פרילינגס זינען.
איין זון, איין טרויער, איין געוויטער —
איין רויט געחלומטער באַגינען.

ווידער הער איך פינגער אויף מיין טיר.
וועקט מיך באָרוועסע אַפּאָסטאָלן!
שיין, אָקטאָבער. צפון, יאָג אויף מיר
דעם צוויט פון שטערן און מאָזאָלן.

אָקטאָבער 1943

תיקון טעות:
לייענען די דריטע שורה
פאר דער צווייטער.

זינגט, שוואַלבן

אויף דאָ ביי קאַזאַרמעס, זינגט ווייטער, שוואַלבן,
טראָגט אַ פרימאָרגן צו דעם אויג פון געווער.
אויף דאָ, אונטער קלעם פון טויט, לאָזט נישט שטאַרבן,
זאָל נישט אונטערגיין די זון אויך אין דער טרער.

ווי שווער דאָס האַרץ אונטער האָריקן שינעל!
וויפל בליי פון אומעט אין יעדן אָדער!
זינגט ווייטער, שוואַלבן, פון טויער און פון שוועל
מיט קרעפטיקייט פון פריליגגדיקן יאָדער.

אין טויער בליט דער עפּלבוים אַלץ שענער.
אויף דער שוועל ווייב און קינד מיט אויגן צום וועג — —
זינגט, שוואַלבן, וועקט די רייען גראָע מענער
מיט קושנדיקן קלונג פון אַקער און זעג.

ווייטער מאָרגנשטערן

אויך אין די מעסערנעכט דיך נישט פאַרגעסן,
דו ביסט דאָס גרינע פון אונדזערע טאָלן;
דער ליכטיקער ווינק אויף הויך פון ציפּרעסן,
דער זוניק גאָלדענער צוזאָג: באַצאָלן — —

אַלע אומבאַקאַנטע ביסטו דער נאָמען,
דורכפּירער דורך כאַמסינען און שלאַקסן.
דו ביסט דאָס קרויניקע אין גראָען כאָמוט,
דאָס פּורפּורדיקע אויף יאָכיקן אַקסל.

און יעדער צעלט איז אָפן צו דיין קומען,
דו זאָלסט אַריינשרייען מיטאַמאָל אַ פרייד.
זאָלן אויפגיין זיבן קוואַלן אין ברונעם!
יעדנס האַרץ היט פאַר דיר אַ פּליים.

און ס׳וועט זיין אַמאָל...

ביידע, דיינע פֿאַרפֿרעמדטע זין,
דער האָריקער פֿון פֿעלד,
דער שטערנפּיטערער פֿון צעלט —
קומען צוריק צו דיר, גוטער פֿאָטער.

פֿעלדווינט שמעקט פֿון שטערנפּיטערער,
און תּם ווי אַ קינד איז אויך דער האָריקער.
נאָך ביידע היפּעט אַ ציגעלע אַ ליכטיקס
פֿאַר דיינעטוועגן, גוטער פֿאָטער.

ברידער ווילן מיר זיין!
מיר האָבן געזען דאָס צעשניטענע ציגעלע
און געוויינט:
— גיב צוריק דעם ציגעלע זיינע בלאָע אויגעלעך;
זאָל ער ווידער טרינקען טוי,
און גראָז זאָל פֿאַר אים גרינען.
ביידע וועלן מיר פּיטערן
און ביידע וועלן דיך באַדינען.

פֿאָטער גוטער! געגוג די שנאה,
אָט זעמיר ביידע צוזאַמען,
שטרעק דיינע הענט און בענטש אונדז
צו די פֿרייד
פֿון רבֿקה אונדזער מאַמע

זעגלען און בייטן

אַלע חלומות

אַלע חלומות צו דיר,
ווי הפקר'ע זעגלען צו ליכטיקן האַפן.
גיב אונדז ליכט,
גיב אונדז ווייַן,
גיב אונדז פרייד פון באַשאַפן.

ווי פולע צעבליטע לבנה —
דייַן פּנים.
ווי רייפע אַרבוזן —
דייַן בוזעם,
און זיס אַלע ליידן.

זאָל רוישן דער מדבר,
זאָל שרייַען דער ווינט,
עס וועט אונדז שוין קיינער נישט שיידן!

מאָרגנשטערן

איינגעהויקערט שלאָפט נאָך י פ ו,
האַלב־לבנה אויף די דעכער —
ווי אַ טשערעפּאַכע אַ פּוילע,
ווי אַ קאַוועגע אַ הוילע,
נאָר דאָרט, אין צעשוימטן האַפן —
זינגען זעגלען אין די שוימען
צו דיר, מאָרגנשטערן —
מילגרוים זיסער, קרוין פון אַלע קרוינען.

אַ מאָרגנשטערן! איי׳ל זיך נישט פאַרגיין.
נישט שרעק פאַר דעם וואַקסענעם פנים פון מ ו ע ד ז י ן.
נישט וועלק אויפן בלינדן גאַנעק פון מינאַרעט.
דאָרט, פון ים, ציען יונגע זין
און יעדער בעט דיין בליק
און יעדער בעט דיין גלעט.

מאָרגנשטערן,
ביסט אונדז — מאַמעס צירונג, בלאָער אויערינג, גאָלדענער בראַסלעט.
מאָרגנשטערן,
ביסט אַ פאָן אונדז — אַ העלער צייכן פאַר אַלע שטעט.
מאָרגנשטערן — מילגרוים זיסער,
ביסט אונדזער הונגער, אונדזער זעט.
זאָלסט נישט וועלקן, זאָלסט נישט בלאַסן אויפן בלינדן מינאַרעט.

דאָרט זינגען זעגלען —
פּאַר דיינעטוועגן גייען שיפלעך אין געוועט.
נאָך אַ רגע, נאָך אַ רגע
צינדט אָן די זון דעם מינאַרעט.

שוין בלאָען כוואַליעס, בלאָער, בלאָער
און אונדזער הייסער באָרוועס קושט דעם שטיין.
מאָרגנשטערן,
קום מיט אונדז און קיינמאָל נישט פאַרגיי.

מיר געהערן

נישט אויף טעפּיכער פון סאַמעט,
נישט געאײדלטע סאַנדאַלן.
מיר געהערן יענע שטאַמען
וואָס צעבליִען זיך אין שטורעם —
גרייט צו וואַקסן, גרייט צו פֿאַלן.

נישט אין אַפּיום־רויך פֿאַרתּמ׳עט
נישט אין נעפּל פון געווירצן.
מיר געהערן יענע וועלדער
ווו עס שײַנען רויטסטע זריחות,
ווו עס לויפן פלינקסטע הירשן.

נישט די בלינדע ציפּערבלאַטן.
נישט די מידע פוילע זייגערס.
מיר געהערן יענע ווינטן —
די שטאַפּעטן פון אַ מדבר
אויף די שנייען פון די טייגעס.

מיר קומען פון פריסטן פריער.
מיר גייען צום שפּעטסטן שפּעטער.
מיר געהערן יענעם שבט
וואָס שרייבט אייביק אַ באַגינען
אויף די פייערדיקסטע בלעטער.

ווּ דו גייסט

ווּ דו גייסט — גיי איך מיט.
ווּ דו רוסט — רו איך אָפּ.
מיט דיין פרילינג צעבליט,
מיט דיין האַרבסט פאַל איך אָפּ.

כ׳שפּאַן מיט ווּ דו זומערסט,
כ׳שפּאַן מיט ווּ דו ווינטערסט.
איך בלי ווּ דו זוניקסט,
איך פאַל ווּ דו ווינטיקסט.

דאָ, אין גאָלדענעם שטויב,
דאָרט, אין שניי, אין האָגל —
רויטער זאַפט פון איין טרויב,
טרערן פון איין לאָגל.

ווּ דו רוסט רו איך אָפּ.
ווּ דו גייסט גיי איך מיט.
תמיד — זון אויפן קאָפּ,
תמיד — בלוט ביי די טריט.

אַט זענען זיי

פון פּאָנען פאַרשעמטע אויף די וועלטמערק — אַ צויטן,
פון אַלטע צעבראָכענע מנורות — אַ טראָפּן.
פון דיינע דזשונגלען, סדום, דורך גרעניצן און פּלויטן —
אַ שבט יונגלינגען — פאַרבלוטע אַנטילאָפּן.

נישט לך לך כנען׳ס פּאַסטוך־לאַנד צו אַרבן
נישט אויף געטרייען ים אין כוואַליעס נס צעזונגען.
אַ שפּרונג פון טויט, אין לעצטער רגע פאַרן שטאַרבן;
אַ חלום איינדערמיט פון טויזנט פלאַמענצונגען.

אַט זענען זיי — פון אַלע פּיינען איינגעבויגן.
אַט זענען זיי — די פאַרשעמער פון אַלע קרוינען.
גרויסע וועלט! האָסט נאָך נישט דעם צער אָפּגעוווגן
און מיט וואָס, מיט וואָס וועסטו זיי באַלוינען?

דער ים ברויזט

אַ פּייערשיף אויף די בלאָע וואַסערן פון מיין רו,
ים און הימל דורכגעריסן.
לאַנגע סיגנאַלן, איך הער צו,
אַ צעריסענער זעגל שלאָגט מיין געוויסן.
מיין האַרץ הוידעט זיך מיט ים׳ס יעדן וואָרף.
מאַמעס שרייען:
אונדזער זון ביסטו
און ווי קענסטו שטיל זיין אין דיין דאָרף?

היינט ביינאַכט וועל איך פאַרלעשן די לבנה אויף מיין הויז,
די גרינע לבנה פון מיין דערפרייטן גאָרטן.
דער ים ברויזט,
אַ געצונדענע שיף גייט אַרום צווישן פאָרטן.

היינט ביינאַכט וועל איך אַוועק צום ברעג
און מיינע אויגן וועלן לויפן אויפן ראַנד —
אפשר זעט מיך ווער פון דעק
און בעט אַ האַנט — —

טרויעריקער זון

כוואַליעס בלאָע, כוואַליעס גלאַטע,
זעט ווי עס שוימט דאָס האַרץ פון טרויעריקן זון!
אומזיסט געוואַרט אויף אַלטן טאַטן,
ס׳איז די שיף אַוועק ווו עס זינקט די זון. —

דער טורעם צינדט זיך אויפן ים,
שיקט שפיזיקע שטאַפּעטן
און שפירט אויס די ברעגן רעכטס און לינקס.
ווער וועט אַריבער די סדום׳יקע שטאַכעטן?
נאַכט רוקט זיך אָן — אַ מדבר׳שער ספינקס.

אַ געוויין פון ים,
פאַרטויבט פון ווינט.
יתום, אויף וואָס וואַרטסטו נאָך אַצינד?
— נעם, מיין קינד,
מיין בלוט און מיין צער
און די קרוינשטול פון ירושלים — צינד! — — —

דאָס ליד פון העליאָפּאָליס

א

וואָס פירן קעסלען?
וואָס דרעמלען רודערס?
הער, ים־מאַן אַלטער, דו שטילער שיפער —
נאָך ווייִנט אַ שוועסטער,
נאָך מאָנט אַ ברודער
און אונדזער צער — פאַר ים׳ען טיפער.

נאָך שרייִען הערצער אויף שטעכלצוימען.
נאָך הוידען תּליות און ווי פאַרגעסן?
פון קרעמאַטאָריום און ביז דעם קוימען —
פליען פונקען — ס. אָ.ס. ען.

נישט אונדז דייִן רו — אויסגעפּרוווטער שיפער.
ס׳האָט פלאַם געלעקט אונדזערע הויטן.
אויף אַלע וועגן בלוטן טריפן —
מיר פירן וווּנדן,
מיר פאָרן — טויטע.

און נישט פרעג, נישט שטויך פאַרוואָס מיר זינגען
מיט טיפע שניטן אין די העלדזער.
וועסט נאָך זען דעם ברעג ווו מיר שפּרינגען
מיט פאַרבלוטע מיילער קושן פעלדזן.

וואָס דרעמלען רודערס?
וואָס פרירן קעסלען?
שיפער דו — וואָס זאָגט דער שמייכל דיינער?

מיר זינגען העכער, —
די ליידן — גרעסער,
וועסט נאָך זען דעם שטערן אונדזער שיינער!

וועסט נאָך זען די שטעט מיט רויטע פלעצער!
וועסט נאָך זען ווי עס אַקערן ציגיינער!

ב

אויפשטיין! אויפשטיין! זעט, שוין דעמערט מאָרגן.
אָט איז די ערד, זעען קומט איר פנים.
שפּייט אויס דעם רויך פון קרעמאַטאָריום!
די אַנקערס גרייט, העכער הויבט די פאָנען!

אָט איז די ערד — מיט גראַניט געקייטלט.
אָט איז די שעה — בלינדע דנאָען העלן.
האָריזאָנטן — פייערדיק צעשטרייטע,
אַלבאַטראָסן טופּען אויף די כוואַליעס.

קאַיוט און טורעם — אין בליץ צעשפּיגלט,
אונדזער צער ווערט צאָרן פאַר דער פרייד.
זאָלן פלאַטערן די פאַרברענטע פליגל —
איילט זיך, מידע פאָרערס, דער שטורעם גייט.

זייט גרייט, זייט וואַך, טרעריקע געמיטער,
מיט ווינטן און מיט לידער זיך צעברויזט.
הויב זיך, ים, ביסט שענער אַ צעזידטער,
ה ע ל י אָ פּ אָ ל י ס — אין הוראַגאַן — פּאָרויס!

אונדזער אַש אויף מערב, און דאָרט אין פּאָרט —
אַ גרויסע זון אין שייד, זי וואַרט, זי וואַרט.
אַ שבועה אונדז — אַן אַלט פאַרבלוטיקט וואָרט:
די האַנט וואָס וועט פאַרגעסן — אָפּגעדאַרט! — —

נישט שרעקט זיך פאַרן ווינט, זעגלען — פּעכערט.
פלאַטערט צו דער זון אַהאַספּערס פּאַלעס.
וואַרפט די אַנקערס. הויבט די פאָנען העכער.
טראָג אונדז צו באַגינען — ה ע ל י אָ פּ אָ ל י ס!

אָט איז די ערד — פון גראַניט אַ תּפילה.
אָט איז די שעה — אַלע דורות מאָנען.
זינגט אויף דעם נישט געטויטן ווילן
און האַלדזט דעם גורל, און קושט ערד'ס פּנים!

זאַלבעט דעם שליח

א

ווער צינדט די שאַטנס אויף ירושלים,
גאַס און געסל אַדורכגעהילכט מיט רופן;
ווער פירט זי, די מיליאַניקע לויה,
דעם הייסן ים פון פלאַמענדיקע גופים?

ברייטערט זיך אויס ירושלים׳ס גאַסן!
אַ ייִנגל גייט מיט פייערדיקע לאָקן.
טרעט אָפּ, סגי־נהור׳שע קאַוואַסן
און שטילט איין גלעקער, שוין גענוג געשראָקן!

צוויי טויזנט שקיעה׳ס אויפן ייִנגלס לאָקן
און אויף זיין פנים — מעסערישע שאַרפן.
גרוס אים אַלטע שטאָט, ער ברענגט אויך צוטראָגן
אַ גלעטנדיקן ווינט פאַר דיינע האַרפן.

פון צוויי טויזנט שקיעה׳ס הייסע רויטן —
אַ זיסער בעכער ווייַן פאַר מאַלציַיט נייעם.
שנייד אויף גיך דיינע פנים׳דיקע ברויטן —
ירושלים!

ב

פון מאָך און פון שטיין נעמט זיך אַלע צונויף,
און ערשטע — איר אַלטע שטומע אביונים.
ס׳קומט די טאָפּלטע שעה פון ליידן און לויב,
פון שמאַטיקן קלייד און פורפורנע זוימען.

קומט פון טויערן און געסלעך צוזאַמען,
אַלע טרערן זידן סייווי אויף איין דנאָ.
און זאָל זיך אַצינד נישט קיינער פאַרזאַמען,
ווייל הייליק דאָס אָרט און אויך הייליק די שעה.

זעט! ירושלים׳ס בערג צינדן זיך אָן —
אַ בשורה אויף חורבות, אַז עמיצער קומט.
ברענגט גיך די אַלטע באַהאַלטענע פאָן
צו לענען זיין קאָפּ און פאַרהילן זיין וווּנד.

גרויסט דעם שליח, דעם פּילגער אין פלאַמען,
זאָל זיין בליק פאַרשעמען די מאַנאַסטירן.
גיט כבוד דעם האַרץ, וואָס זינגט צווישן קאַמען —
אים זאָלט איר לויבן און קרוינען און צירן.

זאַלבט דעם שליח פון טויט־קאַראַוואַנען!
רום דעם געזאַלבטן פון בלוט און פון טרערן!
און הויב, ירושלים, אויף דיינע טאַנען,
די קרוין פאַר זיין קאָפּ, דעם רויט־רויטסטן שטערן.

רויע ערד

דיין ערשטער רויער געשריי קלינגט אין מיין האַרץ.
דו גרינסט צו דער וועלט
מיט אות פון פרימאָרגן.
מיין פלוג שניידט אַריין אין דיין קלעפּיקן שליים
און איך פריי זיך מיט דיר אין פרייד פון אַ היים.

אַנטלאָפן אַלע רייד אין שפע פון פרייד,
און נאָר דו אַליין
אין דעם בלוט פון מיין האַרץ —
ווי דאָס ערשטע געזאַנג פון די וועלטנס פרי.
ליכטיקער קלאַנג, דער ליכטיקסטער קלאַנג:
יהי!

טאָכטער פון געוויין

ווער ביסטו שיינקייט אויפגעגאַנגענע ?
אַלע פרעגן, און בלייבסט אַ סוד,
נאָר שטומע בערג פרייען זיך מיט דיר,
ווי זון און רעגן — דיין באָרוועס־טראָט.

אַ פורעמער —
שניצט שוין דיין פּנים אויף האַרטן שטיין
שטיינהעקער —
חלומ׳ען דיין אַנטקעגנגיין,
און ווען וועסטו געהערן ?
אַלצאיינס ! —
עס בליט דיין קאָפּ אויף די געבערגן,
אַ באַאויערינגטער פון טרערן,
און ער איז שיין —
אַלע צו געהערן.

גריל און זשוק, פייערפליג און פראָש —
אַלץ זינגט שוין ליב צו דיין געשטאַלט.
לבנה אויף דיין האָלדז — אַ בראָש,
און קרוין דיר — אַלע קרוינען
פון אַלטן וואַלד — —

ווער ביסטו שיינקייט אויפגעגאַנגענע ?
איך זע דיך — אַ באַבלומטע, אַ באַהאַנגענע
מיט שטערנטיכער פון אַלע טויטע מאַמעס ;

גייסט אויף איבער די געבערגן
פון טיפסטן טרויער מיינעם אין זונפאַרגיין,
און אַלע טויטע מאַמעס וויגן דיך:
— וואַקס, טאָכטער אונדזערע, שטאַרק און שיין.

און ס'זאָגט דער שטיינהעקער צו דיר:
— טאָכטער פון געוויין,
בּיסט שיין!
בּיסט מיין!

פרילינג אויפן איילבירטבוים

אַ סך לבנה׳ס האָט געזען דער אַלטער איילבירטבוים,
און אַלע האָבן זייער אַש געשפּרייט
אויף זיין גראָען קאָפּ.
בעדואינישע פאַרסאַדזשעטע לבנה׳ס, —
וויפל בלוט האָט איר פאַרגאָסן אויף זיין קאָפּ!

צער איז אויסדערציילט אויף יעדן בלאַט
קאַרבן בלוטיקן אין צעקרומטן שטאַם.
דאָ האט מען זיך געזאַמלט צו ג׳יהאַד,
דאָ אין שאָטן האָט געלויערט דער גואל דם.
און דיר, אַלטער בוים, בוים פון שלום,
דיר האָט וויגעטון די האַלבלבנה־שווערד
און די וויסטע ערד,
אין שטורעם האָט דיך קיינער נישט געהילט,
אין היצן האָט דיך קיינער נישט געקילט.

היינט ברענגען מיר אַ מתּנה דיר,
אַביסל קאַלטע וואַסער אַ געטראַנק,
און אַ לבנה, אַ פּרוכטיקע לבנה דיר,
וואָס ביסט ווערט פונלאַנג.
און אונדזער שוועסטער וועט דיך היטן,
דיך ארומוויקלען מיט אירע צעפּ,
און וועסט אָפּטרייסלען דעם אַש,
און וועסט צוויטן,
ווייל פרילינג האָט באַפוילן: ל ע ב!

דיינער

צעאָטעמט מיט היציקן ווינט,
מיט ליד אויף צעשפּאָלטענע ליפּן —
ווערט מיין יינגלשאַפט איילן
מיט דיר פאַרקניפּן
אַ בונד.
יעדער טאָג אויף די הפקר׳ע מיילן
ברענגט דיר אַ וווּנד.

איך בין דיינער! איך בין דיינער!
און פרעג נישט:
צי האָט שוין די ליבשאַפט געצייטיקט?
פאַרהאַלט נישט מיין גאַנג.

אָט זענען די זאַמדן,
אָט זענען די שטערן,
און עס בלאַנקט נאָך אַ צייכן אויף ראַנדן:
אַזוי זיך צו מערן! — —
פונלאַנג שוין, פונלאַנג.

פאַרהאַלט נישט מיין גאַנג.

אין זומפּ פון חורנה

חורנה, אַן אויפגעציטערטע, האָט די קרוג פון קאָפּ
אַראָפּגענומען.
חורנה, אַ פאַרשייטע, האָט ברוסטן קרעציקע געשטרעקט.
גאָר מיר אין חלום פון בלאָען ברונעם —
אַ דורשט אַן אַנדערער האָט אונדז געוועקט.

— דאָס לעצטע מאָל — פּלייטיק בלינדער פאַסטוך.
דאָס לעצטע מאָל — קריך קרום, פאַרגרייזטער טייך.
מיט אַ פרייד פון טאַצן אופגעפּלאַצטע —
בלאַנקען שוין ווירעס שטאָלץ און גלייך.

זינג, פרייער ווינט, אויף די דרייסטע צעלטן,
דאָ, אין טאָל פון בלוטדורשטיקן מאָסקיט.
קום אַהער, באַשעפער פון די וועלטן,
הערן בראשית אין יינגלעך׳ס טריט.

דאָרט אַנטקעגן שפּרייזט אַ חלום —
גאָלד און פלאַקס — שלייערס פרייד.
אַ קול ציטערט אין די טאָלן:
היינט נאָך איידער זון פאַרגייט —
זאָל דער טייך זיך אומקערן
צו דער ריינקייט פון די קוואַלן! — —

היינט וועט שבת׳ן אַ שטערן
איף דיר, רויערד, אונדזער כּלה.

טאַנץ פון פעלדער

גיכער, גיכער ראָד,
יאָג, געבענטשטער ווינט.
פעלד און וואַלד און סאָד,
שאָף און קי און קינד.
גיכער, גיכער ראָד,
יאָג, געבענטשטער ווינט.
ס'האָט די שעה געשעה'ט,
ס'האָט דאָס גראָז געגרינט.

גיכער, גיכער ראָד,
פעסטער האַנט אין האַנט.
פעלד און וואַלד און סאָד,
שטיין און ליים און זאַמד.
גרעסער, ברייטער — ראָד,
דאָרף און שטאָט און לאַנד,
ס'איז דער שעה'ס געבאָט:
צו דער זון געשפּאַנט!

גיכער, גיכער ראָד,
קוש זיך קני מיט קני.
פעלד און וואַלד און סאָד
מיט מענטשס האַרץ צעבליט.
שטאַרקער, הייסער — ראָד,
קוש זיך קני מיט קני.

נאַכט ווערט העלער סוד,
בענטש דעם מאָרגנפרי.

טיפער, העכער — ראָד,
האַרץ צו האַרץ ווער נאָנט.
פעלד און וואַלד און סאָד —
ביסט ווי זיי געמאָנט.
הייסער, נענטער — ראָד,
ס׳העלט דער האָריזאָנט.
זעט! — שוין נידערט גאָט
ווי אָ פויער — בלאָנד.

און ער – אינדערמיט

אַ טראַקטאָר — פאַר אים,
אַ טראַקטאָר — נאָך אים.
איינער צעאַקערט,
דער צווייטער פאַרדעקט.
און ער — אינדערמיט,
פאַרשווייסיקט און מיד —
אין שפּאַן פון די טעג.

און פעלדער — פאַר אים,
און פעלדער — נאָך אים.
אַ בייט נאָך אַ בייט —
צעגראָבן צום זיי.
און ער — אינדערמיט,
דער מאַן פון דעם ליד
ווי איינער פון זיי.

און זון — איז זיין קלייד.
און קינד — איז זיין פרייד — —
אין לייצעס פון דור
נאָך איינער באַשערט.
און ער — אינדערמיט,
מיט ליד אין די טריט, —
אין לויף פון דער ערד.

בלאָנדער האַרבסט

לייוויק׳ן

די שפּיצן אַקאַציע זענען שוין געל,
אויפן פּלויט האָט דער ערשטער ווינט שוין געבלאָזן.
שיין הייגט אויף, זון, זיבן מאָל העל
און לייטער דעם טרויער פוןביימער און גראָזן.

צינד אָן די פאַרבן פון רעגנבויגן.
שוין זיבן מאָל שענער אין טראָפּן פון רעגן.
גיי אויף, געזאַנג פון עפּל און סטויגן,
ווי הויכער לאַמטערן פאַר האַרבסטיקע וועגן.

ס׳האָבן שוין בלעטער די סטעזשקעס פאַרדעקט.
דער ווינט האָט שוין צעוואָרפן די בלומען
און ס׳האָט זיך אַליין פאַרבויגן אַ רויז.

הויב זיך, לאַמטערן, אַריבערן וועג.
רוף אים, דעם גייער, זאָל ער היינט קומען
צום זוניקן לאָמפּ וואָס ברענט אין מיין הויז.

ב

רוף אים, דעם גייער, זאָל ער היינט קומען.
זיין וואַנדערער־אָטעם ברענט אויף מיין קנויט.
כ׳ווייס נישט ווער ער איז און ווי איז זיין נאָמען,
נאָר אויף מיין טיש איז שוין גרייט אי וואַסער, אי ברויט.

שוואַרץ איז דאָס ברויט, און קוועליק דאָס וואַסער,
און אַ ווייס מעסטעלע זאַלצפרייד שטייט אין דער זייט.
זאָל ער קומען דורך דאָרפישע גאַסן,
ווו ער איז, ווי ער הייסט, צי פון נאָענט, צי פון ווייט.

מיין שוועל איז נידריק, נאָר די טיר איז ברייט,
און ס׳קען דאָ יעדער געפינען מיין הויז.
די טיר איז אָפן און אַ האַנט גרוסט ווייס.

דאָס וואַרטן אַליין איז היינט מיר אַ פרייד.
כ׳ווייס נישט ווער ער איז, נאָר כ׳ווייס אַז ער איז גרויס,
אַז זיין בלוט איז רויט און זיין אָטעם הייס.

האַרבסט 1937

אַנטקעגן זאַנגיקע פּייערן

א

כ׳בין נישט מער ווי אַ בלאָנדזשערביים שליאַך,
וואָס פרעגט אויף זיין וועג ביי יעדע זאַנג,
און ווו ס׳רופט אים אַ ליכטל בייננאַכט —
דאָרט איז זיין פרייד, דאָרט איז זיין גאַנג.

פּייערן, זאַנגיקע פּייערן
גרין צעלויכטן שיינען אַנטקעגן.
וועל איך היינט זינגען צו שייערן
דאָס דאַנקליד פון בלאָנדזשער אויף וועגן.

וועל איך היינט נאָך אייך אַ בלינדער גיין,
גרינע פּייערן, גלעט לינד מיין ברעם,
כאָטש נאָך ווייט איז צו פולן טאָגשיין.

אָט אַזוי, מיטן סענקעוואַטן שטאָק
און מיט די ווייכע וואַרעמע הענט
וועל איך דיך זוכן, באַשערטער טאָג.

ב

װעל איך דיך זוכן באַשערטער טאָג,
און כ'גלויב אויך אַז כ'האָב דיך געפֿונען.
אונטערן באַרג האָט לאַנג שוין געטאָגט
מײַן דופֿטנדער גערטעלע בלומען.

צװישן שטײנער האָב איך אים פֿאַרזײט,
און כ'האָב געפֿונען אין שטײן אַ שפּאַלט.
כ'האָב געקלאַפּט מיט דעם שטאָק פֿון מײַן פֿרײד,
האָט די טיף מיר צעריזלט אַ קװאַל.

זאָל ער טריפֿן אויף יעדנס בײט,
טריפֿן דין, טריפֿן שטיל און געבענטשט.
קװאַל מײַנער פֿון נישט גערעדטע רײד —

װעסט זיך נאָך עפֿענען קיל און גוט,
און זײַן בײַם שליאַך פֿאַר יעדן מענטש,
װי די מאַמעס מילך פֿאַרן קינדס בלוט.

ג

ווי די מאַמעס מילך פאַרן קינדס בלוט,
גיי אויף, ליד פון אי פרייד, אי טרויער.
און זיי ווי ס'איז אַ שטרויענער הוט
אין אַ זוניקן טאָג פאַר אַ פּויער.

ווו עס פאַרגעלט אַ פעלד — זיי טויאיקער זאַג,
זיי לינדער ווינט דאָרט ווו דער מדבר ברענט.
זיי דעם דור ביי זיין אויפשטיין פאַרטאָג
אַ גאָלדענע פלאַקסענע העמד.

די פייערן גרינען, גיי צו זיי.
שטאָק סענקעוואַטער — בלי זיך פונאַנד,
נאָך איידער נאַכט גייט פאַרביי.

אַזוי רויט! ס'איז נאָך ווייט צום טאָגשיין.
אַ פיר מיך בלינדע טאַפּנדיקע האַנט
אין ליכטיקן גאָרטן אַריין.

געבאָט

דאָך איל איך אָנטרינקען אַ בוים
און עס זינגען אין מיר רגעס.
איך ווייס, דאָס איז דער זונענטרוים
פון געזונקענע אויף וועגן.

אין דער געדיכטעניש פון סאָד
ווו בלעטער מורמלען דאַנק צו זון,
הער איך טאַטעס רייד, אַ געבאָט:
— אַזוי, זון מיינער, זאָלסטו טון!

ווי יעדער בוים קנאָספּיק שווייגן,
פון טוי און מיסט בלעטער וועבן;
מערן און שטאַרקן די צווייגן,
עפּל אַלץ טעמ׳יקער געבן. — —

אויף יעדער צווייג בליט עפּעס אויף,
אויף יעדן בלימל אַ נאָמען — —
און יעדעס בלעטל איז אַ לויב,
אַ בשורה און אַ נקמה.

1945

אין מינדסטן ביסן

* *
*

פאַר איילבירטבוים דעם, דאָ אין שיכטן פון זאַמד,
פאַר זיין מידע קרוין פון כאַמסינען צעהיצט —
וואָס האָט צו זאָגן דער תכלת פון ראַנד,
דער רוישיקער שטראָם אויפן באַרגיקן שפּיץ?

יאָ, אַמאָל — אַמאָל האָסטו, יינגל, געשפּאַנט
אויף שפּיצן פון בערג צו דעם שענסטן פון שיין,
האַרץ פון די שטערן אָנגערירט מיט דיין האַנט
און אַלץ העכער און העכער — העכער צו גיין.

נאָר דו, גראָער מאַן, אין סתם־טאָג פון גראָ לאַנד,
ביים איילבירטבוים דעם אין פאַרנאַכטס רגע׳ס איצט —
וואָס האָט צו זאָגן דער תכלת פון ראַנד,
דער רוישיקער שטראָם אויפן באַרגיקן שפּיץ?

קום פריינט

קום, פריינט, לאָמיר אַראָפּבויגן דעם הימל,
און רייסן שטערן, ווי מען רייסט אַ בלימל,
און אָנפולן פול די טאָרבעס און די זעק,
פאַר אונדזערע בלינדע פאַרשטויביקטע טעג.

ס׳הענגט אונדזער חלום אַריבער די צווייגן,
און מיר ווילן, נאָר מיר קענען נישט שטייגן,
מיר קניען אין ליימען מיד און אַנטדרימלט.
קום, פריינט, לאָמיר אַראָפּבויגן דעם הימל.

אויף וואָג

זילבן אַ בינטל פון מדבר פאַרשטויבט,
ליד ווי גוף — זוניקער מאָזל באַשיט,
באָרוועסע קלאַנגען אין באָרוועסע טריט.
אַ סאָד קוקט מיר נאָך מיט דופטיקן אויבסט,
אַ סאָד קוקט מיר נאָך מיט כלה׳שן צוויט:

— צוריק, קום צוריק! איך האָב גענוג פרייד,
אָן עפּל נעם מיט — דעם לוין פון דיין טאָג — —
די ביימער נאָך מיר, אַ ריח מיך יאָגט,
נאָר איך בין שוין ווייט, איך וואַרף שוין די רייד —
האַרץ אויף דער שאָל פון צעפּיבערטע וואָג.

מיין טאָג און מיין נאַכט, מיין הימל און ערד;
די שעה׳ן און טריט — איך מעסט זיי און צייל,
כ׳קניפּ ווערטער צונויף און ווידער צעטייל;
מיין לעבן אויף וואָג — איך פרעג אויף מיין ווערט:
צי ווערמיק דער עפּל? — שנייד איך און שייל.

כ׳פרעג און איך ענטפער, ענטפער און פרעג,
אויער צום אייגענעם האַרץ בויג איך איין.
וואָס רעד איך אַזויפיל מיט זיך אַליין?

איך זוך פון מיין צער דעם קורצסטן וועג
צום צער פון דער וועלט און צו איר געוויין.

מיינע אויגן דיר טאָג

מחשבות פון חצות ווי וואָלקנס צעקנאָדערט,
מיינע אויגן דיר, טאָג, — פלאַמיקע טומאַנען.
איך בעט ביי דיר אַן עפּל, גיב זאַפט און יאָדער;
מדבר אין מיין מויל, באַקוואַליק אים מיט טעמ׳ען.

אין וויסטע ספערן, אין פוסטן קידער־ווידער —
געצוג געהפקר׳ט, און ערגעץ מוז איך דערציען.
אָט איז אַ דאָרף, ס׳שמעקט היימישקייט פון שטיבער,
אויף אַלץ פרימאָרגן, וויל איך אויך מיטפריען.

כ׳בין פול שוין פון דער נאַכט און פאַרברענט פון דעמער.
ווו האָב איך נישט געשפאַנט? וואָס האָב איך געפונען?
נאַט אייך מיינע אַקסל! טוט מיר אָן צוויי עמער,
און שיקט מיך מיט אַ שטריק צו דעם טיפסטן ברונעם.

צום שטיין פון דיין חלום

וואָרום די זון איז פֿאַרגאַנגען,
און גאָט האָט פֿאַרשלאָסן די טיר,
און נאָנט איז דער וועג קיין חרן —
וועט אונדזער טרויער גיין צו דיר.

וועלן מיר זוכן אין חרן
דעם וווּנדער פֿון דיין פֿראָסטן שטיין,
און וועסט אונדז ווייזן דעם לייטער,
ווּ אויך שפּל׳ע קענען גיין.

און יענעם הײמישן הימל
וואָס האָט אונדז ליב אויך אין פֿאַלן,
ווּ סתם, אַ בשר ודם
שלעפּט פֿאַר די פֿאָלעס אַ מלאך.

און יענעם פּשוט׳ן שטערן
וואָס שײַנט אַרויס פֿון ליים און זאַמד —
אייגן, און וואַרעם, און טרײַ
ווי לאַמטערנע אין פֿאַסטוכס האַנט.

און וועסט אונדזער טרויער לערנען
ווי לייגן דעם קאָפּ אויף אַ שטיין,
און הערן פֿון וועלטן אַ ליד
אין סטאַדעס צעגלעקלטן גיין.

זיבן יאָר נייע

זיבן יאָר נייע — פאַר דיר ,מיין שענסטע לאַם,
ביי נעסטן פון אָדלער, דורך היילן פון חיה,
אויף די וועגן־נישט־וועגן ווו גראָז שטאַרבט אין זאַמד, —
כ׳וועל ווידער פאַרלאָטן מיין אַלטע אַבאַיע.

און ווידער דער שטעקן און ווידער דער שאָטן,
אין נעכט וועל איך פרירן, בייטאָג שלינגען פלאַמען,
אין ווינט וועל איך זוכן דיין וואַרעמען אָטעם
און דו וועסט זיין ווייט, אַזוי וויל הארמי.

איך נעם מיט, איך נעם מיט דיין בליק אויף די ליפּן,
איך היל דיך אַרום מיט מיין אַלטער אַבאַיע
און פון אַ צווייגל אַ גרינס וועל איך אויסשניצן
אַ פּייפל פאַר דיר אויף זיבן יאָר נייע.

מיט לבנה׳ס אויף בערג, מיט זונען אין טאָלן
וועל איך ציילן די יאָרן — רגע צו רגע,
ביז דו קומסט צו מיין דורשט פאַר אַלץ מיר באַצאָלן,
ביז דו פאַלסט אויף מיר ווי אויף מדבר — אַ רעגן.

גורל וואָך

איך וועל שוין קיינמאָל נישט אויסמעסטן
די לענג פון שטערנדיקע ראַנדן;
נישט מיר די הויכע אָדלער־נעסטן.
איך בלייב אויף ערד, פאַרקניפּט מיט זאַמדן.

און שענקן וועל איך זיך אינגאַנצן
דעם גורל וואָך — זינגעוודיקע יאָך;
אַ וואלד נאָך אַ וואַלד וועל איך פלאַנצן,
און מיר וועט גענוג זיין דער מאָך.

אַנטקעגן תּבור

מיט אויגן אויסגעוואַשענע פֿון קילן טוי
גיי איך דיר אַנטקעגן, שטאָלץ־שווייגיקער תּבֿור,
דיינע הימלען ווינקען מיט איילבירט און מיט טרויב,
און זאַנגיק שפּראָצן שוין די שטראַלן פֿון קאַיאָר.

איך לאָז זיך גיין מיט דעם זונאויפֿגאַנג צוזאַמען,
און דיין העלע רחבֿות אין בויג פֿון מיינע קני.
איך קוש באָרוועס דיינע שטעגעלעך און שטאַמען,
און כ'זינג מיט זיי דאָס ליד פֿון פֿעלדערדיקן פּרי.

איך גיי צו דיר און נאָך מיר גייען אַלע מיינע יאָר —
שוואַרצציגלדיקע האַרבסטן, צינגער אויסגעשטרעקט.
צו דיינע קאַריטעס די גאָלדענע, תּבֿור, —
זיי אויסצולעקן ביזן דעק.

ווי אַלע

גייסט ווי אַלע גייען — שטיל און שטום,
אַ טאָרבע ברויט אויף זייט,
אויף קאָפּ — אַ הייס צעגליטע זון,
אין האַרץ — אַ גרעזל פרייד.

גייסט ווי אַלע גייען — געבויגן,
ביסט פאַר אַלע אַ שוועל.
און ס'לייכט דיר אין די אויגן
דורות'ס חלום — מאָרגנהעל.

ווי אַלע דיין גיין,
און אַלע ווי דו.
דיין פרייד — ביסט ווי אַלע.

און ס'זינגט אין דיין גיין
יענע וואונדערדו
פון אַלטן מתפלל.

דער אַלטער בעכער

דער אַלטער בעכער שטייט אין טונקעלן ווינקל,
ליידיק פון ליכט און פון גאָלדענעם געפינקל...

עס נידערן די הימלען, — אַ פראָסטער טאָג, —
תּכלית וואַשט ליים און דער דאָרן ווײַנשטאָקט.

היינט איז פראָסטער טאָג, אַ פאַרשווייסטער זונטיק,
ערשער מאָזאָל בליט אויף דער דלאָניע וווּנדיק.

זונגאָלד אויף שויבן, דער טיש פאַרשפרייט,
זיידעס, ווייסע אורחים, ציטערן פון פרייד...

ליכט פון פינגער, ווײַן פון הענט, דער מאָזאָל איז אָפן,
זיידעס זינגען: בורא פרי הגפן.

און כ׳זינג מיט זיי אין פראָסטן זונטיק — הימליש פויעריש —
קלאַנג צו קלאַנג, וואָרט צו וואָרט — אַ נייעם שם המפורש.

אויפן בערגל ליים — זע איך אים, דעם בורא,
צו אים די זיבן טעג — ווי זיבן העלע טויערן.

ליכטיקע וועגן

ליכטיקע וועגן ציִען זיך פֿון אונדזערע טעג
צו פֿריילעכע — פֿאַרהילטע אין נעפּל.
פֿון מידע מעת־לעתן, פֿון שטויביקן וועג,
ווינקען די ביימער אַנטקעגן מיט רויטע עפּל.

גרייטן זיך אַלע צום שניט מיט פֿריידיקע רוישן,
און מען שאַרפֿט אויפֿן זונשטיין די פֿינגערשע שערן.
און אין קינדישע מיילער אַריין — ווי אין קוישן,
שטעקן מאַמעס די עפּל און ס׳טריפֿן באַגערן — —

דערפרייטע פאַרנאַכטן

די טעג פאַרגייען פאַר אונדזערע קינדער,
ווי גאָלדענע טאַשמעס — פול מיט ליכט און זון.
פלאַפּלען זיי לאַנג נאָך — אין אָונט — פון וווּנדער,
און זיי ווייסן נישט וואָס מיט די אוצרות צו טון.

רינען ווי טוי אויף שויבן זייערע רייד. —
קינדער דערציילן זיך מעשיות פון גרויסע.
צעלויפן זיך ליכטיקע טאַשמעס פרייד
פון קינדישע מיילער צו מאַמעשע שויסן.

און ס׳רייבן זיך טאַטעס פון שמחה די הענט,
און פרייען זיך מיט מיטן שטיקעלע אייגנס.
זינגען די קינדער — זינגען מיט הילצערנע ווענט,
און ווינטן אויףביימער צעשפּילן די צווייגן.

שטייען די גרויסע באַרוישטע אַנטשוויגן
און גלויבן אַליין נישט די אייגענע אויערן: —
זייער וואַכיקע וועלט קלינגט אַפּ אין ניגון,
אויף גלעקער פון יומטוב ביי נאַכטיקע טויערן.

לויפן די גרויסע פאַרשטויבטע צו שויבן,
און וואַשן מיט טויען דעם שווייסיקן פּנים.
און אַ תּפילה פון הערצער טוט זיך דערהויבן,
ווי אַ פולע שעפּ פון קוואַליקן ברונעם.

מיין זון פרעגט

מיין זון האָט מיך געפרעגט, האַלב פאַרטרערט:
פאַרוואָס פאַרגייט די זון?
פאַרוואָס קרייעט אַ האָן?
פאַרוואָס אַקערט אַ פערד?
און ער האָט געוואַרט אויף מיין קלאָרן וואָרט.

און איך האָב געשוויגן,
אין זיך געטראַכט:
ווען מענטש פאַרשטילט דעם ניגון —
פאַרגייט די זון, קומט די נאַכט.
און ווען מענטש אַקערט מיטן פערד גלייך —
ווערן הימלען סאַמעט־ווייך;
ס׳רעגנט גאָלד אין פעלד,
און גאַנצע וועלט,
מיט אים צוזאַמען —
גליט אין רויטע פלאַמען;
די הענער קרייען אויס באַגין,
און אַלץ האָט דאַן אַ זין.

אַ שיין האָט זיך אויף זיין פנים פאַרצויגן,
זילבער־וואָלקנדלעך זענען אַנגעפלויגן
ווי ווייסע שוואַנען.
זיין אויג האָט געקוקט אין מיינע אויגן,
מיין זון האָט מיך פאַרשטאַנען.

נאָך איז אַ זין, אַ ליכטיקער, פאַראַנען...

גרויסע שעה

זילבער קרייזלט שוין די האָר,
גרויסע שעה, באַלד קומסטו אָן.
אויף דיר וואַרטן מיינע יאָר,
פריילינג נייער, ווייז דיין מאָן!

כ׳האָב געוואַרט אַ לעבן לאַנג —
ווי זאָל טרעפן זיך מיט גוטס;
גלי מיט צייטיק געזאַנג;
אייביק מיט אַ מינוט.

שעה, ביסט נאָענט, אַ סתם־פאַרנאַכט!
מיר דאַכט... ס׳איז... זאָל זיין אַזוי! —
פעלדער שיינען... גרויסער שליאַך...
אַלץ איז ליכט, און אַלץ איז טוי.

רירן מיינע ליפן — קוים,
און איך בענטש מיט לחש־טאָן —
מענטש און גראָז און שוואַלב און בוים —
די גרויסע שעה וואָס קומט אָן.

גרויס ליכט

ס׳אַראַ בלענד אין דער טונקעלער נאַכט!
ווי צעשיינט איז דאָס ליכטל חצות! —
די זון און לבנה אויף איין דאַך,
ווי אַ וואָלף מיט אַ שאָף אויפן גראָז.

ווונדער אויף ווונדער — אומגעריכט.
אויגן טרינקען דעם ליכטיקן פלייץ.
צווישן די טייכן פון העלסטן ליכט
בליט דאָס גאָלדענע שטענגעלע ווייץ.

פון זון און לבנה באַגאָסן —
בעט עס שוין צייטיק: קלינג, קאָסע, שנייד!
און אַז עס צעקלינגט זיך די קאָסע
איז אַ שענער שטענגל שוין גרייט.

איז אַ שענער שטענגל שוין גרייט,
די קאָסע הילכט מיט שענערע קלאַנגען,
אין דער שפע פון ליכטיקער פרייד
צעוואַקסן זיך זאַנגען אויף זאַנגען.

אין מינדסטן ביסן

אויך אין שוואַרצן ברויט, אין מינדסטן ביסן
רוישן זאַנגען.
און ווער עס וויל קען זען אין רונד פון לעבל ברויט —
די גאַנצע ערד אין איר באַוועגן,
אין גרויסן חסד פון זון און רעגן.

קענסט פרייד אַנטפּלעקן
אויך אין אַ ברעקל,
אויך אין איין קערן.
אויך אין אַ גראָ זעמדל קענסטו זען
אַ גרויסן שיינענדיקן שטערן.

ווייל אַלץ איז נידריק,
און אַלץ קען העכער ווערן.

דאָס ליכט פון קאָסעוו און קיטעוו

אויף דערפל מיינעם — לבנה פון קאָסעוו,
פון דערפל מיינעם — שטערן צו קיטעוו.
טעפּיכער גרינע, בלאָ־בלאָע ראָסעס,
און די שטויביקע טעג גייען פאַרכשופט.

וואָס היינט און וואָס נעכטן? אייביק די רגע,
נר תּמיד ברענט אין אַ האַרט־קיניק העלצל.
פון קאָסעוו און קיטעוו שיינען אַנטקעגן
שטערן געקנעפּלט אויף פּראָסט־פּשוט פּעלצל.

ליימען — אַ הימל מיט וואַנדער באַגאָסן,
קושן פון גאָט אויף יעדערנס פּנים.
איך עפן מיין פענצטער — שיינט מיר פון קאָסעוו — — —
בין איך מיט יידן מחדש לבנה.

ניגון

גייסט, שעפּסעלע דיין גאַנג
ווו נאָר אַ גרינקייט איז.
דער וועג איז האַרט און לאַנג,
שטיין שטרויכלט דיינע פיס.
און דאָך —
נאָכן פאַסטוך דיינע טריט
דאָס פייפל שפּילט,
דאָס גרעזל גרינט,
דאָס בלימל בליט,
און ס׳וואַקסט דיין וואָל
אין פייפלס קול.
און גייסט, און גייסט,
און יעדע ווײ
איז דיר כּדאַי.

פון רביניו רב נחמן

פון אים, רביניו רב נחמן,
וואָס אין זיין האַרץ גרעזלעך רחמים,
וואָס אין זיין אויג די טרער פון טוי —
דיין אויפשטיין און דיין גיין אַזוי.

אַזוי — אין שאָטן און אין ליכט —
צו אויפשטיין און איילן גיך —
מיט ליבשאַפט אויפנעמען עול
און אין די טריט דערהערן קול...

די וויכע לאַנקעס זינגען סוד,
קען זיין ס׳איז גראָז, קען זיין ס׳איז גאָט.
ווער ס׳קען גיין אַזוי אַנטשוויגן
וועט אויך דערהערן דעם ניגון.

דער הימל שפרייט זיך אויפן סאָד,
קען זיין ס׳איז בוים, קען זיין ס׳איז גאָט.
דאָס קלענסטע בלעטעלע באַהאַלט
אַ טראָפּן ליכט פון זיין געשטאַלט.

אַזוי — אין שאָטן און אין ליכט,
נאָך איידער טוסט אַן האַרטע שיך —
מיט באַרוועסקייט צו דערהערן
זיסן פּליעסקן פון די שטערן.

די שטערן אין טוי, אַ קוואַל רינט
און הויל טאַנצט אין אים אַ קינד
דורכגעזאַפּט מיט ערשטע שטראַלן.
טראָפּנס שפּרינגען, טראָפּנס פאַלן.

אַזוי — אין שאָטן וואָס ווערט ליכט —
דערהערן דעם ניגון אין זיך,
ער זינגט זיך אויס פון ענד ביז ענד
מיט שווייס פון העמד, מיט מי פון הענט.

אַזאַ אָפּשטראַל פון זיין ליכט.
דער ניגון ווערט דערהערט אין זיך —
צו דיין האַרץ אַ גרעזל רחמים
פון אים — רביניו רב נחמן.

פרייד פון פינגער

נישט מיט פרענדזן גאָלד פאַרדעקט,
נישט אַ מלך־טיש געגרייט.
ברויט, פּראָסט ברויט, דער קימל שמעקט.
זאַנגען — וואָס איך האָב פאַרזייט.

וואַסער אין אַ בלאָע קרוג,
פולער ווי איך דאַרף האָבן.
אויך אַ טראָפּן מיר גענוג,
דעם ברונעם האָב איך געגראָבן.

אַ ליכטל — אַ מאָן־בלום רויט,
עס שיינט אַדורך מיין פּנים.
פאַר מיר ביסטו, פּיצל קנויט, —
אַ זון און אַ לבנה.

און שטיל אַזוי, שטיל אַרום,
אַז אַלץ הויבט אָן צו זינגען.
ערד און הימל — אומעטום,
אויך זון אין מיינע פינגער.

עס פרייען מיינע פינגער,
אַלץ העלער שיינט מיין פּנים.
און פעלד און ברונעם זינגען
מיט הייליקע מנינים.

גוטמאָרגן

גוטמאָרגן מיינעביימער,
ציפּרעסן און ציטרינען .
איך הימלען העלע, ריינע,
וואָס קושן מיינע קינען.

איך הימלען — אָנצורירן,
איך לאַנען — סאַמעט־ווייכע.
ווער זאָגט: פאַרמאַכטע טירן?
איך גיי און וועל דערגרייכן.

דער הימל האָט פאַרשפּרייט זיך
אויף אונדזערע געצעלטן,
און יעדעס מילבל פרייט זיך — —
גוטמאָרגן אַלע וועלטן!

אייביק און אומעטום

דער זעלבער ווינט וואָס שטיפט מיט מירט און רויז
פאַר מײַנע פענצטער, אין פול־טאָגיקן שײַן —
וועט אויך ווינטלען דאָרט, אין מײַן נײַעם הויז,
שפעטער, שפעטער, ווען מײַן זון וועט פאַרגײן. — —

און ריחות און קלאַנגען וועט ער קניפּן,
אויף ווען רויז און מירט וועלן פאַרוויאַנען.
און כ׳וועל זינגען אויך מיט קאַלטע ליפּן,
ווײַל ווו כ׳זאָל נישט זײַן — ביסטו פאַראַנען.

אַ שעה ווען קומען

אַ שעה וועט קומען, אַ פֿאַרנאַכט אַ מידער,
זאַנגען וועלן פֿרעגן אויפֿן שניטער.
און דאָ אין וואַלד, ביים ברעג פֿון אַלע לידער
וועט שטערן ווינקען יתומ׳דיק צעציטערט.

הויכע קרוינען וועלן זיך בויגן הערן
סוף געזאַנג פֿון סוף זומערדיקן שניט.
אַ פֿריש בערגל ליים וועט איינזאַפּן טרערן,
נאָר דו, נאָר דו מיין האַרץ — מיט נייע טריט.

דורך ליים און מאָך, דורך ווילדגראָז און קאַלטן שטיין
וועט צו דיר אָטעמען אַ ליכטיק דאָרף.
און דאָ ביי אייקאַליפּטן, אין שטערנשיין
וועט ווינט דערטראָגן מינדסטן שאָרך.

און מיין שאָטן וועט אינו נראה קומען,
שפּרייזן צווישן לאַכנדיקע שטיבער.
אַ בלאָע פֿליג וועט אין די פֿענצטער זשומען,
נישט פֿאַרענדיקט ליד פֿון מי און ליבע.

ליד צו אַלט און קינד, שאָף און רינד, מינדסטע זאַך;
צו שטויבל און צו גרעזל, היים מיין היים.
און אַלע וועלן הערן ווי ס׳זינגט די נאַכט,
טיף אין וואַלד, אויפֿן פֿרישן בערגל ליים.

מיט שחר

מיט שחר וועל איך גיין הערן
דאָס רייפע אָפּגיין
פון מאָרגנשטערן.
ביים אָנזאָגער פון ליכט
לערנען זיין פאַרבאָרגן,
ווען מיט אַ פול געזיכט
גיט אַ בלענד דער מאָרגן.
זיין נישט געזען ווי ער
אין דער גרויסער בלענדונג.
באַהאַלטן טרוים און טרער
אין אַ לייניק העמדל.
זיין נישט געזען און גרייט
צו פאַרגעסן ווערן,
ווי דו, קערן פון יעדער פרייד,
פון אַלע ליכטער בכור —
מאָרגנשטערן.

אַ דלאָט אין צפת׳ער בערג

א

מיין יינגשאפט, די פריע, מיט אויער צו ווונדער,
אין בלאָקייט פון אַלטוואַלד ,ווו סודות זיך צינדן —
צו די קלאַנגען פון כישוף האָט זי געהונגערט
אין רוישן פון אַלט־וואַלד, אויף שויס פון אַ בלינדן.

זיין ליפּ האָט געצוקט, מיט לעגענדע געפּליסטערט;
אין זיידענע נעפּלען געוויקלט מיין דמיון;
נאַכטוואַנדליש געפירט מיך דורך היילן פון נסתּר
מיט כּרובישן שוועב אין דינור׳ישע הימלען.

מיין יינגשאַפט, די פריע, אין אָפּשייד פון טרויער —
זי וויל זיך נאָך זען, זי פרווט נאָך דעם פּרווו.
זע, אָרימע צפת, זע, זי שטייט אין דיין טויער
מיט צעריסענע הימלען און געזונקענעם גוף.

ב

אָרימע שטאָט, נעם דעם אורח אויף.
ער איז נאָך אָרימער ווי דו.
זיין גאַנץ לעבן —
פון גאָט אַ לויף,
צו גאָט אַ לויף —
אָן רו.

ס׳איז אמת — איך בין אַ פרעמדער,
אַזוי זאָגט מיין האַרץ און אַזוי זאָגט מיין קלייד.
נישט פאַרן עמוד און נישט ביי אַ שטענדער
צינד איך מיין ליכט און גיס אויס מיינע רייד.
ס׳איז אמת — איך בין נישט מתפלל;
מיין מויל איז פאַרזיגלט, ווי שטיין מיינע וויעס.
נאָר מיין יעדערער טאָג זיך ראַנגלט אין פאַלן
און מיט דלאָט אויף אַ באַרג גיי איך עליות — —

כ׳האָב אַ גורל געירש׳נט און לידער מיט אים —
נעם מיך אויף ווי איך בין — איך חלום געזונקען.
אין דעם דלאָט אויפן שטיין הילכט די געטלעכסטע שטים...
פון דעם דלאָט אויפן שטיין צעפליען זיך פונקען.

און היינט וויל איך דיין אורח זיין,
אַלטע שטאָט, דיין טויער נישט שליס.
נעם מיך אויף ווי איך בין — מיט שטויב אויף די פיס.

ג

איך קען דיך, צפת.
וואַקסט אַריין מיט דיינע הימלען אין אַ פאַרשנייאיקטער גאַס,
ערגעצוווּ, ערגעצוויטס, צווישן דעכער פון שינדלען.

כ׳האָב נאָך דיינע זמירות געהערט
ווען מען האָט מיך געוויקלט אין ווינדלען.
צו דיר האָט מיין זיידע געזונגען
פאַרנאַכט, ביי צעפינקלטע שויבן.
און איך קען דיינע שטערן,
און איך קען דיינע טויבן.

פאַרשטויבט קום איך צו דיר
און ס׳קען מיך נישט קיינער.
אויף באַרג דעם, אויף דיינעם, וועט שלאָגן מיין דלאָט
די פאַרעקשנ׳טע שטיינער.
דיינע שמאָלינקע געסלעך וועל איך אויסברייטן.
דיינע טעכטער, די בלאַסע, גייען אַרום דאָ
ווי דורשטיקע קווייטן,
און יעדע איז בלוט
אין הייסן דינור.
און אויף יעדעס פנים
זע איך אַ שפור
פון מאַמע, מיין מאַמע.

אוי, ליכטלעך, אוי מאָגערע ליכטלעך פון שבת —
איך וויל איך ווי רויזן צעפלאַמען.
זאָל ברענען די ליבשאַפט — פונקען אויף פונקען —
אויף אַלע, אויף אַלע.

און פרייטיק צונאַכטס, ווען עס רוט אָפּ מיין דלאַט
וועל איך פאַרבעטן צו מיר אין צעלט
דיין שבת־לבנה — מיין טרויעריקע כלה.

ד

מוצאי שבת,
ערשטע מטבעות האָט געציילט אַ פונדקי אַ פרענק,
הייזעריק האָט אויפגעשפּילט די אַלטע שענק,
מיט וויין און האַלזבאַנד, מיט רינג און שאַנד
אויך מיך גערופן:
קום! דער בעכער זיס,
דאָס געלעגער פון זייד
און צעפּ ווי פייערדיקע שלאַנגען.
אין פענצטער האָבן געציטערט די פאָרהאַנגען. — —

נאָר מיינע טריט האָבן נאָך געקלעפּט צו די בערג...
דער וואָדי פון די איילבירטן האָט געזילבערט,
און אויף הר כנען האָבן געקלונגען קוואַלן.
נאָך האָט א ל ק ב ץ געזונגען,
באַגלייט די שבת־כלה,

און בלאָע הימלען האָבן געפלאַטערט
ווי איידעלע וואַלן.

ה

זעסט דעם קרעמער וואָס ציילט אַ בינטל גראָשנס;
זעסט די שמאָלע געסלעך — אין קויט, אין עלנט,
נאָר זאָג נישט, טרויער, אַז אַלץ שוין פאַרלאָשן,
נאָך גליען פונקען, נאָך וואַרטן שוועלן.

אָט די בערג, אָט די וואַדי׳ס, אָט דאָס שווייגן —
זיי וואַרטן אויף טאָג, אויף העלע געשאַלן;
אויף אַ הויז, אויף אַ בוים, אויף רויש פון צווייגן,
און ס׳היט נאָך גראַניט באַהאַלטענע קוואַלן.

אויף יעדן שטיינדל אַ צעלויכטענער שפּור;
פון אונטער די זוילן — אַ בענקשאַפט און גלי.
זע, די שקיעה אויף צפת, עס פּלייצט דער דיבור
פון מאָכיקן שטיין, וווּ עס שלאָפט דער אר״י.

שטאָט אין די בערג, נעם די ברכה פון טאָלן.
עצמון! קני פאַר דלאָט, מאַך זיך גרייט פאַר אַ בוים.
געפאַלענע שטאָט! מיר טראָגן דיין חלום —
אַ כתר פון ליכט דיר — זון׳ס גלאַנציקע קרוין!

ו

„מה נורא המקום״ — ווי פאַרכטיק דאָס אָרט.
אויף דער שול פון אר״י פלאַקערט דאָס וואָרט
און מיט ציטערניש גיי איך די שוועל אַריבער.
חורבה — דו ביסט מיר
ווי פּאַלאַץ פון מלך,
ווי פעסטונג פון גבור.

דאָ, צווישן שמות די:
האָט געפּיבערט דאָס האַרץ פון אר״י —
רויט־רויטסטע רויז
אין פולן צעבלי.

נאָך וואַקלען צעקנאַדערט די הימלען
פון בעטן און מאָנען:
ירושלים! — —

יונגער מויערער פון צפת! —
זינג צו אים הימנען,
הויב פאַר אים פאָנען,
און היט אָפּ פון ווייַנענדיק מלכות
דעם פלאַמיקן זיגל — —
און העלף ירושלים׳ס טרויעריקע שוועסטער
מיט שטיין אויף שטיין, מיט ציגל אויף ציגל.

ז

יינגשאָפּט מיין פריע, אין רייפן פון ווייען —
געזעגן די געסלעך און זאָג זיי אַ דאַנק.
דו נידערסט פון זיי צו העלע שאָסייען
מיט זון אין געדאַנק און מיט וואַרעם געזאַנג.

פון אַלטוואַלד דעם בלאָען וואָס איז געפאַלן,
פון כשופ׳ן אַלע צעגאַנגען ווי רויך —
צום טויער פון דאָרף, צו שוועלן פון שטאַלן,
ווו מו פון אַ קעלבל דערגייט זייער הויך. — —

יינגשאַפּט מיין פריע, אין דיין ציטיק ווערן —
הויב אויף דיינע הענט און בענטש אַלץ וואָס אין וועג.
אַ דאַנק, אויך אַ דאַנק די געפאַלענע שטערן
און אַלץ וואָס פאַרגייט פאַר דעם טויער פון טעג.

פרילינג אין דער יונגער שטאָט

אויף רוישנדיקע טראָטואַרן,
אין שאָטן פון צעבליטע סיקאָמאָרן —
װעל איך בעטן, אַ באַלאָדענער פון אַלטע צער'ן:
— טו היינט אָפּ די סדום־שטעט פון זכרון!

זון אויף אַלע מויערן,
ביימער פלאַטערן װי חופּה'ס און װי סכך'ן.
דערמאָן מיך נישט די שװערע טרויערן,
לאָז מיך װי די יונגע שטאָט מיט פרילינג לאַכן.
זעען לייב אין ים,
װי קינדער שפרינגען
אין װוּנדערשװוּנג פון אויפגעשוימטע רינגען,
מיט זונענשפּרענקלען אָפּגעפינקלט.
זע, —
ליכט פון אַ מתבודד האָב איך געהיט אין װינקל,
גאָר דו ביסט שענער, זון אויף ברייטן ים.
ברעג און כװאַליע שפּילן אין מיידל־ייִנגל,
און אויך גאָט איז פריילעך מן־הסתּם.
נו יאָ, —
מיין ליכטל איז פאַרלאָשן,
אַ ליכטל פאַר אַ גראָשן,
גאָר שיינט די זון — אַ לויב דעם גרויסן פלאַם!

שיינט די זון און בלאָ די הויכן —

וועל איך גיין אויך דאָרט ווו עס וויקלען זיך די רויכן,

דאָרט ווו גראָע שפּרייזן

מיט האָמעדס, מיט קעלניעס, מיט דלאָטן,

— נעמט מיך אָרום מיט בעטאָן און אייזן,

מיט צוואָנגען און געבאָטן!

און באַרגאַראָפּ וועל איך זיך לאָזן שוועבן

צו כאָטעס אָרעמקייט, פאַרשרומפּענע ת י מ נ׳ ע ר,

— אָרעמע! איר האָט מיר וואָס צו געבן, —

אַ רענדל פון ש ב א — אַן אַלטע אַבידה —

איך מאָן איר!

אייערע קריעה׳ס בליעה׳ס — ווי אַלטע מלכות־פּאַנען

מיר פלאַטערן אַנטקעגן צו דערמאָנען:

הנני העני —

בין איך מיר אַ מלך — —

ווי קעמל גאָלד־באַלאַדענער — דיין גאַנג,

מיט א ו פ י ר־שטאָלץ — שווייגיק און פּאַמעלעך,

נאָר זינגען הער איך אין דיין הכנעה —

אַ כבוד און אַן עזות.

פלוצלינג — כאָטעס זיך צעבלאָען

מיט שבת־ליד ש ב ז י׳ ס.

און דורך גאַסן און דורך פלעצער וועל איך גיין,

מיט ליפּ און קנעכל זינגען צו יעדן שטיין,

און וועט מיך רופן אַ שיכּפּוצער ביים טאָג —
וועל איך זיך צעלאַכן ווי אַ ווינט אין גלאָק:
—זע, איך בין באָרוועס גאָר,
און אויף מיין קאָפּ פלאַטערן די האָר,
און ווייטער גיין פון שטיין צו שטיין —
היפּענדיק, זינגענדיק, ווי אַ שווערלבל אינדערפרי,
און סיקאַמאָרן איבער מיר — שכורע פון בלי.

און פאַרנאַכט, אין ווינקל, —
ווי אַ בין וואָס אָנגעזאַמלט האָט פון בלומען און פון קוסטן —
וועל איך מיט זון אַדורכגעפּינקלט
זינגען פאַר אַ שטאָט אַ גאַנצער
מיט טויזנט האַמערס פון טויזנט ברוסטן.

און מיין יתום׳דיקער שטערן וועט מיך נישט דערקענען.
אַלע גאַסן וועלן צינדן לאָמפּן
און מיט אַלע לאָמפּן וועל איך ברענען,
באַשיינען דיינע פריידן און דיינע וויען,
ביז פעלדער וועלן טוליען זיך צו דיר
מיט זאַנגען און שאַסייען,
סירענעס דיינע וועלן פרילינג שאַלן,
און מיינע הענער וועלן לידער קרייען.

א י נ ה א ל ט

פאַרלוירענע פרייד

הויך ביסטו — 7. / אויף אַ שוועל פון אַלטן מאַרק — 8. / גייען נאָך מיר יענע שויבן — 10. / געשטאַלט — 13. / דאָס ליד פון פרומען ייִנגל — 15. / מיין לעצטע תפילה — 21. / אויף פליגל פון דעמער — 23. / רב איצע — 26. / דאָס ביסטו — 28. / געוויין אויף אַ רעגנבויגן — 30.

אַש פון דיין אַש

בכורים — 37. / אבות — 40. / מיין טאַטנס קידוש — 41. / די האַנט פון טרויער — 45. / לידער וויינען — 46. / ליד פון בענקשאַפט און געוויין — 47. / שקיעה גליט — 52. / קולבאַקס פעטער חיים — 53. / באַלאַדע — 54. / אַ תפילה ביי ביטערע בעכערס — 56. / מיין לבנה — 57. / אַ זעאונג 1938 — 59. / צום אַלטן שטערנדל — 69. / אייביקער ניגון — 71. / אין אַ נאַכט פון עפל און ווינט — 73. / קום פון דער ווילדער ערד — 78. / אין אַ טאָג — 80.

זינגט זיין אויפשטיין

טיר און טויער — 83. / תמיד — 84. / אין דער ווייסער שטאָט — 85. / רוף — 86. / די געזעגענונג — 87. / חצות — 89. / אין דער בליציקער נאַכט — 90. / פון טייגע און פון מדבר — 92. / ערב — 93. / מענטש פון 1918 — 94. / אָקטאָבער פרילינגט — 95. / זינגט שוואַלבן — 97. / וייטער מאָרגנשטערן — 98. / און ס׳וועט זיין אַמאָל — 99.

זעגלען און ביימן

אַלע חלומות — 103. / באַגינען — 104. / מיר געהערן — 106. / ווי דו גייסט — 107. / אָט זענען זיי — 108. / דער ים ברויזט — 109. / טרויעריקער זון — 110. / דאָס ליד פון העליאָפּאָליס — 111. / זאַלבט דעם שליח — 114. / רויע ערד — 116. / טאָכטער פון געוויין — 117. / פרילינג אויפן איילבירטבוים — 119. / דיינער — 120. / אין זומפּ פון חורבנה — 121. / טאַנץ פון פעלדער — 122. / און ער אינדערמיט — 124. / בלאָנדער האַרבסט — 125. / אַנטקעגן זאַנגיקע פייערן — 127. / געבאָט — 130.

אין מינדסטן ביסן

פאַר איילבירטבוים דעם — 133. / קום פריינט — 134. / אויף וואָג — 135. / מיינע אויגן דיר טאָג — 136. / צום שטיין פון דיין חלום — 137. / זיבן יאָר נייע — 138. / גורל וואָך — 139. / אַנטקעגן תבור — 140. / חי אַלע—141 / דער אַלטער בעכער — 142. / ליכטיקע וועגן — 143. / דערפרייטע פאַרנאַכטן 144. / מיין זון פרעגט — 145. / גרויסע שעה — 146. / גרויס ליכט — 147. / אין מינדסטן ביסן — 148. / דאָס ליכט פון קאָסעווו און קיטעוו — 149. / ניגון — 150. / פון רביניו רב נחמן — 151. / פרייד פון פינגער — 153. / גוטמאָרגן — 154. / אייביק און אומעטום — 155. / אַ שעה וועט קומען — 156. / מיט שחר — 157. / אַ דלאָט אין צפת׳ער בערג — 158. / פרילינג אין דער יונגער שטאָט — 165.